№ 18

פערלאג „קדימה“ ווילנא.

מיין רייזע

אין

פאלעסטינא.

פון

דר. פראנץ אפפענהיימער.

ווילנא.

דרוק ש. פ. גארבער

329

פערלאג „קדימה" ווילנא
(סאָלדאַטסקאַיאַ נ' 3)

№ 1. Органы экономическаго возрожденія Палестины. Второе дополнен. изд.

№ 3 בצלאל. זיין ציעל, טעטיגקייט און צוקונפט . פון ד"ר י. לוריא (יפו)

„ 4 די מוסדים פאר די עקאנאמישע איפלעבונג פון ארץ ישראל.

„ 5. Что такое базельск. прогр.?—В. Е Жаботинскаго.

„ 7. Плантаціи въ Палестинѣ. Д-ра Рупина.

דער פרייז פון יעדער נומער צוויי קאפ. פארטא צוויי קאפ.
100 עקז. 1.50 רוב. אהן פארטא

№ 2. ידיעות וועגען ארץ ישראל. צוזאמענגעשטעלט פון דעם יפו'ער אינפארמאציאנס-ביורא. זעקסטע פערבעסערטע אויפלאגע.
פרייז 3 קאפ. פארטא 2 קאפ. 100 עקז. 2.50 מיט פארטא.

„ 6. Палестина. Перспективы и возможности экономическаго возрожденія. Д. Тритча. Переводъ съ шестого нѣмец. изданія. Цѣна 10 к. пер. 4 к.

„ 8. Наши банки. Б. А. Гольдберга.

„ 9. Правовыя условія пріобрѣтенія земли въ Палестинѣ. Сообщеніе Палестинскаго управленія

דער פרייז פון נ' 8 און 9 5 קאפ. פארטא 2 קאפ. 100 עקז.
5 רובל מיט פארטא.

„ 10. Максъ Нордау. Избранныя рѣчи и статьи. Вып. I. Цѣна 12 к. 100 экз. 10 р. съ перес.

„ 11. Календарь „Кадима" на 1909—1910 г. (תר"ע) Цѣна 10 коп. (פֿערקויפט)

№ 12. דער נײַנטער ציוניסטישער קאנגרעס אין האמבורג. צווייטע אויפלאגע. פר. 8 קאפ. פארטא 4 קאפ. 100 עקז. 8 רובל מיט פארטא.

„ 13. Календарь „Кадима" на 1910—1911 г. (תרע"א) Втор. изданіе. Цѣна 15 коп. за экз. при 25 экз. 10% при 50—20% скидки и. т. д.

רעקאמענדירטע בריעף און געלד דארף מען שיקען לויט'ן אדרעס
И. Л. ГОЛЬДБЕРГУ, Вильна

№ 18

פֿערלאַג „קדימה“ ווילנא.

מײן רײזע

אין

פּאַלעסטינא.

פֿון

דר. פראנץ אפפענהיימע[illegible] Ф.

ווילנא.

דרוק ש. פ. גארבער

Д-ръ Францъ Оппонгеймеръ.

Моя поѣздка въ Палестину

Вильна, Типог. Ф. Гарбера, Завальная ул. д. 25.

מיין רייזע אין פאלעסטינא.

ביי מיין רייזע אין פּאַלעסטינא האָב איך זיך געשטעלט צוויי פֿראַגען, אַלס אַ תּנאי קודם למעשה פֿאַר אַנ׳ערפֿאָלגרייכֿע אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ.

ערשטענס: איז דאָס לאַנד טעכֿניש פּאַסענד פֿאַר אַנ׳אינטענ=סיווע, ראַציאָנעלע באָדען=קולטור?

צווייטענס: איז דער אידישער אַרבייטער, וועלכֿער געפֿינט זיך איצט אין פּאַלעסטינאַ, פֿיזיש און קודם כּל פּסיכֿיש, פּאַסענד פּאַר אַ גענאָסענשאַפֿטליכֿע אַרבייט?

איך גלויב אַז איך קאָן איצט אויף ביידע פֿראַגען אונבע=דינגט ענטפֿערן: יאָ.

.1

די לאנדווירטשאפט-טעכנישע פראגע.

די לאַנדווירטשאַפֿטליכֿע טעכֿניק אין פּאַלעסטינאַ געפֿינט זיך צווישען צוויי עקסטרעמען. די פֿרוכֿט=קולטור, וועלכֿע בעהערשט הויפּטזעכֿליך יהודה, שטעהט אויף דער העכֿסטער שטופּע פֿון קאַפּיטאַל=ענטוויקלונג און טיילווייז אויך פֿון אַרבייט=ענטוויקלונג. אין די פּאָמעראַנצען=גערטנער, צ. ב. ש., זענען אַריינגעלייגט בערך פֿון צעהן ביז צוועלף טויזענד פֿראַנק אויף אַ העקטאָר לאַנד. דער פּראָדוקט איז אַ העכֿסט קולטיווירטע פּרי, וואָס פֿאַרנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ אויפֿ׳ן וועלט=מאַרק פֿון פּאָמעראַנצען און בעקומט די העכֿסטע פּרייזען, טיילווייז צוליעב דעם, וואָס ער ווערט פֿריה

צייטיג און טיילוויז צוליעב זיין אויסערגעוועהנליכען געשמאַק. טראָץ די הויכע קאָסטען פֿון דער בעוואַסערונג און בעאַרבייטונג און טראָץ די הויכע פּראָצענטען און דאָס אַראָפּרעכענען פֿון די חובות, טראָגען די פרדסים איין, ביי מיטעלע פרייזען, ווי אַלע פאַכמענער, וועלכע איך האָב אויסגעפרעגט, ערקלערען פֿון 12 ביז 15 פּראָצ.

פֿערקעהרט, דער אַקערבוי וועלכער בעהערשט הויפּטזעכ-ליך די אידישע קאָלאָניעס אין גליל, שטעהט כמעט אויף דער נידריגסטער שטופּע פֿון קאַפּיטאַל-און אַרבייט-ענטוויקלונג און פֿון ראַציאָנאַלער טעכניק. די בויערן פֿון גליל האָבען, אין פֿער-העלטנים צו דער בעדייטענדער גרויסקייט פֿון זייער באָדען, אַ זעהר קליינעם קאַפּיטאַל אין מזומן, אינסטרומענטען און געשפּאַן. אויס-סער דעם, איז זייער טעכניק גופא זעהר אַ שלעכטע.

לויט דער איכות זענען בכלל פֿאַרהאַן דריי מדרגות פון לאַנדווירטען: דער לאַנדאַרבייטער, דער בויער און דער מאָדער-נער לאַנדווירט. פֿאַר דעם לאַנדאַרבייטער איז גענוג, ווען ער בע-הערשט די מעכאַנישע אַרבייטען פֿון זיין פֿאַך מיט גענוג קראַפֿט און געדולד. דער בויער מוז שוין קאָנען אויס'חשבונ'ען און זיין אַ בעל-הבית און מוז וויסען, אויף דעם יסוד פֿון אייגענער ערפֿאַהרונג, די תנאים פֿון האָדעווען בהמות און פֿלאַנצונגען. ענדליך, דער מאָדערנער לאַנדווירט מוז דאָס אַלץ בעהערשען ווי-סענשאַפטליך. דער קאָלאָניסט אין גליל מעג זיך שטעהן, אויף זיין אופן, הויך אַלס טיכטיגער לאַנדאַרבייטער, און אייניגע אפשר נאָך העכער; אָבער מען קאָן איהם נאָך ניט בעטראַכטען אפילו פֿאַר קיין בויער, אַ פשיטא שוין פֿאַר אַ ראַציאָנעלען לאַנדווירט. טעכניש פיהרט ער די בעל הבתישקייט כמעט אַזוי ווי דער אַראַ-בער, הגם ער בענוצט זיך שוין מיט אייניגע עטוואָס בעסערע אייראָפּעאישע אַקער-אינסטרומענטען. קודם כל האָט ער נאָך ניט בעגריפֿען, אַז דער שווערפונקט פֿון יעדער בויערן-ווירטשאַפֿט מוז, צוליעב פֿיעל אורזאַכען, געלייגט ווערען אויף פֿיהצוכט: ערשטענס צוליעב דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע גרויס-פּראָדוקציאָן וועט שוין וואַהרשיינליך אויף תמיד פֿאַרנעמען אַ בעסערע פּאָזיציע ווי די בויערן-פּראָדוקציאָן אין די תבואות פּראָדוקטען. צווייטענס ווערט דער תבואות-מאַרק און וועלט-מאַרק אַלץ רייכער מיט נייע

און פֿרישע געגענדען, וועלכֿע ווערען בעאַרבײט דורך אויסגע־וואַנדערטע געלערנטע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער בויערען און וועלכֿע וועלען נאָך גאַנץ לאַנג געבען זעהר בעדײטענדע גערעטעניש ען, בײ עקסטענסיווער קולטור און אָהן מיסטינגונג. מיט זײ קען ניט קאָנקורירען דער פּאַלעסטינער באָדען,—וועלכֿער איז פֿערהעלטניסמעסיג טײערער און איז זייט יאָהר־הונדערטער עקס־פּלואַטירט.

פֿאַרקעהרט, די גרויס־פּראָדוקציאָן פֿון אַלערלײ סאָרטען לעבעדיגע זאַכֿען: פֿערד, רינדער, עופֿות, איז ניט פֿעהיג צו קאָנ־קורירען מיט דער בויערן־פּראָדוקציאָן פֿון די אַלע זאַכֿען; ווײל די פּפֿלעגע און ליעבע וואָס די פֿיהצוכֿט פֿאָדערט קאָן מען ניט דערוואַרטען פֿון אַ טאָג־אַרבײטער.

די פּאַלעסטינער בויערן־ווירטשאַפֿט מוז, שוין צוליעב דעם אַליין, געגרינדעט ווערען מעהר אויף פֿיהצוכֿט און, אויסערדעם, מוז עס געטאָהן ווערען צוליעב דעם, וואָס דער אויסגעמאַטער־טער באָדען דאַרף האָבען די מיסטיגונג, כּדי צו ברײנגען אַ סך גרעסערע ערנטען, אויסגעבענדיג דיזעלבע הוצאות. די ערפֿאָלגרײכֿע מעשים מוזען צושטערען די פֿערשפּרײטע מײנונג, אַז יודען זענען כּלומרשט ניט פֿעהיג צו פֿיהצוכֿט. די פֿיהצוכֿט פֿון די דײטשע בויערן אין די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס בעווייזט, אַז דאָס לאַנד איז דורכֿאויס פֿעהיג דערצו: פֿון דער מילך־פּראָ־דוקציאָן אין שרונה זענען אָבגעליפֿערט געוואָרען אין 1909, פֿון בערך 120 קיה, 170,000 ליטער מילך, און אַלזאָ אַרײנרעכֿענענ־דיג דעם שטאַרקען הויז־פֿערברויך, קען מען רעכֿענען אַ יעהרליכֿע הכֿנסה פֿון 1400 ביז 1500 ליטער מילך פּער קוה. די בעסטע שטאַל פֿון 8 קיה האָט געליפֿערט 1698 ליטער פּער קוה; דעם הויז־פֿערברויך קאָן מען אָבשאַצען אויף 4 ליטער טעגליך; און אויף אַזאַ אופֿן קאָן מען צורעכֿענען צו דער הכֿנסה נאָך 180 לי־טער פּער קוה, און די געזאַמטע הכֿנסה וועט, אַלזאָ, זײן פֿון 1850 ביז 1900 ליטער. דאָס איז אַ זעהר בעדײטענדע הכֿנסה, ווײל דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען אַ מעלקערײ, נאָר וועגען אַ גאַנץ געוועהנליכֿע מילכֿווירטשאַפֿט פֿון בויערן, וועלכֿע האָדעווען זײערע קעלבער.

כּדי צו קענען ענטוויקלען מיט ערפֿאָלג אַ מילכֿווירטשאַפֿט,

דאַרף מען, ערשטענס, האָבען גענוג פֿיטערונג און, צווייטענס, גענוגענדע פּרייזען פאַר די מילכפּראָדוקטען.

בנוגע דער פֿראַגע וועגען פֿיטערונג, וועלכע דאָס רוב קענער פֿון דאָס לאַנד שטעלען אַרויס אַלס דעם גרעסטען אַרגומענט גע-גען אַ ראַציאָנאַלע פיהצוכט, ווייזט זיך באַלד אַרויס, ווען מען בעטראַכט די זאַך נעהענטער, אַז דער אַרגומענט האָט אַ גאַנץ קליינעם יסוד. מען זאָגט, מיט רעכט, אַז צווישען פֿריהלינג-רע-גען און הערבסט-רעגען איז דאָס לאַנד אַ טרוקענע סטעפּ און עס ברייננגט ניט אַרויס קיין פֿיטערונג. דאָס איז אָהן אַ ספק ריכטיג. אָבער דאָס בעטייט בלויז, אין פֿערגלייך מיט די צפון לענדער, אַז דער אונפּרוכטבאַרער סעזאָן ווערט אָבגעלייגט פֿון ווינטער אויף זומער. ביי אונז אין דייטשלאַנד ברייננגט דער באָדען אויך פֿיעל חדשים ניט אַרויס קיין פֿיטערונג. אין צפון דייטשלאַנד שניידט מען דאָס ערשטע גראָז זעלטען פֿריהער, ווי דעם **10**-טען מאַי און פֿון דאַן אָן קאָן מען דערנעהרען די בהמות מיט וויקע נור ביז העלפֿט נאָיאַבר. אויב די פֿרעסט הויבען זיך ניט אָן פֿריהער. בכלל רעכענט מען תמיד אין צפון דייטשלאַנד **200** ווינטער-טעג און נאָר **165** זומער טאָג, ד. ה. פאַשע-טעג.

אין פאַלעסטינאַ, אָבער, שניידט מען, ווי מען האָט מיר געזאָגט, די ערשטע גרינע תבואות שוין אין מיטען יאַנואַר און פֿון דאַמאָלסט אָן קאָן מען, ביי אַ גוטע בעל-הבתישקייט, תמיד אַריינגנעהמען פֿון פֿעלד פֿיטערונג ביז אין הערבסט אַריין: אויב נאָר זעלטען גראָז, דאָך גרינע תבואות, לוצערנע און פֿער-שיעדענע מינים וויקע, און אין דער טרוקענער צייט, קירבעס, וואָס די בהמות עסען גערן, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, און עס בעקומט זיי וואויל. ווען מען זאָל דאָס אַלץ נעהמען אין בעטראַכט וועט אויסקומען, אַז אין פאַלעסטינאַ דאַרף מען פֿיטערן די בהמות פֿון די שפּייכלער מיט איינינע וואָכען וועניגער ווי אין דייטשלאַנד.

וואָס געהער זיך אָן די פּרייזען, איז עס קלאָר, אַז די פּראָדוקציאָן פֿון פֿרישע מילך איז בעגרענעצט אויף די מאָס, וואָס די וועניגע קליין-בעפֿעלקערטע שטעדט קאָנען אַריינגנעהמען. ווען די איינוואַנדערונג פֿון שטאָדטישע עלעמענטען זאָל ניט פֿער-שטאַרקט ווערען, וואָלט מען קאָנען בעפֿרידיגען דעם מילכמאַרק פֿון חיפה מיט איניגע הונדערט קיה. אָבער דאָס זענען בעטראַכ-

טונגען, וועלכע קומען נאָך פֿאָרלויפֿיג ניט אַריין אין חשבון. לעת עתּה שטעהען די מילכפּרייזען זעהר הויך און זיי גיבען דוקאָ אַ גלענצענדען ריוח. דער מילכפּרייז אין חיפה זינקט, כמעט, קיינמאָל ניט ביז ווייניגער ווי 30 סענטים און דערגרייכט אין די טייערע חדשים ביז 50 און 60 סענטים אַ ליטער. די דייטשע לאַנדווירטען האָבען אַ גאַנץ גענינענדע הכנסה פֿון דעם מילך־פּרייז, וואָס בעטרעפֿט 11 אַ האַלב פֿפעניג (13 סענטים) פּער ליטער מילך אין שטאַל, הגם זיי האָבען פֿיעל גרעסערע הוצאות דורך דעם טייערען באָדען, די שווערערע בנינים און דעם פֿיעל העכערען אַרבייטס־לוין, א. ז. וו. פֿון דעם איז קלאָר אַז ביי אַזעלכע הויכע מאַרק־פּרייזען, ווי אין פּאַלעסטינאַ, איז געוויס זיכער אַ גרויסע פּרנסה פֿון דער מילך־פּראָדוקציאָן, אויב די פֿערמע ליגט נאָר ניט צו ווייט פֿון שטאָדט. דער פּונקט אין עמק יזרעאל, וועלכען מען האָט אין אויסזיכט, אַלס פּראָבע־סטאַציאָן, נעבען דער אַייזענבאַן חיפה־דמשק, און וועלכער געפֿינט זיך קוים אַ שעה רייזע פֿון חיפה, זאָגט צו אַפּילו פֿאַר אַ גרויסע מילך־פּראָדוקציאָן אַ באַלדיגען אונגעהויערען ריוח.

אויב די קאָלאָניזאַציאָן זאָל זיך נאָך ווייטער פֿערגרעסערן, וועט מען נאַטירליך מעהר ניט קאָנען רעכענען אויף אַזעלכע גרויסע הכנסות, אָבער מען וועט אויך ניט דאַרפֿען מעהר רע־כענען אויף דעם. געוויסערמאַסען וועט דער פּרייז זיך אויפֿהויבען, ווייל די שטעדטישע בעפֿעלקערונג וואַקסט שנעל דורך אַיינוואַנ־דערונג, און ווייל דער שיפֿספֿערקעהר אין האַפֿען וואַקסט טעג־ליך. צוזאַמען מיט דעם וואַקסט דער גרויסער פֿערברויך פֿון מילך, וועלכער וועט נאָך גרעסער ווערען, אַזוי באַלד ווי דער אָפֿענער ים־צופֿאָהר וועט פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ נ׳אמת׳ן האַ־פֿען, וואָס דאָס וועט מסתּמא קירצליך געשעהען. דאַן וועט מען, שפּעטער, מוזען אָנהויבען צו ליפֿערן אָנשטאָט פֿרישע מילך, מילך־פּראָדוקטען: פּוטער און קעז, פֿאַר וועלכע עס איז דאָ אַנ׳אונענד־ליכער מאַרק אין מצרים. איצט בעציהען די דאָרטיגע וואָהלהאַ־בענדע פֿאַמיליען פּוטער פֿון מאַילאַנד אין סטעריליזירטע קעסט־לעך, אויף זעהר הויכע פּרייזען. אָט מיט דעם וועט מען קאָנען קאָנקורירען, און עס וועט זיין איינע פון די אויפֿגאַבען פֿון דער עקספּערימענט־אַנשטאַלט נאָכצוזוכען די בעדינגונגען, אונטער

וועלכע עס קאָן פּראָדוצירט ווערען אין דיזען וואַרעמען לאַנד פוּ־
טער פון דער בעסטער קוואַליטעט.

און ווען אפילו שפּעטער וועט מען, אויף דעם אופן, קאָנען
רעכענען בלויז אויף אַ מיטעלען ריוח פון דער קיהשטאַל, דאָך
קאָן די פיה־פּראָדוקציאָן געפיהרט ווערען אַזוי ווייט ווי מעגליך,
כדי צו לייגען דערמיט דעם יסוד פון אַ ראַציאָנעלער ווירטשאַפט
און אויפצוהאַלטען די קראַפט פון באָדען דורך מיסטיגונג.

דער באָדען איז סיסטעמאַטיש אויסגערויבט געוואָרען זייט
יאָהרהונדערטער. דער אַראַבער מיסטיגט ניט פּרינציפּיעל זיינע
פעלדער און ניט נאָר צוליעב זיין פוילקייט און אונוויסענהייט, נאָר
צוליעב דעם אונגליקליכען סיסטעם פון באָדענאייגענטום, וואָס דאָ
עקזיסטירט. דער דאָרף־באָדען ווערט אַלע צוויי יאָהר אויף דאָס
ניי פערטיילט צווישען די בערעכטיגטע, און נאַטירליך וועט קיי־
נער ניט מיסטיגען אַ באָדען פון, וועלכען ניט ער, וואַהרשיינליך,
נאָר אַנאַנדערער, אפשר גאָר זיין שונא, וועט אַראָפּקלייבען די
תבואה דעם נאָהנסטען יאָהר. אַנשטאָט דעם ווערט די מיסט
טיילוויז אויסגענוצט, אין דעם דאָזיגען געהילץ־אָרעמען לאַנד,
אַלס ברענהאָלץ און טיילוויז קלייבט זיך די מיסט אויף אין אמת'ע
בערג. די דייטשע בויערן פון שרונה און ווילהעלמינאָ האָבען צו־
גענומען, מיט די ערלויבניש פון די אַראַבער, אַזעלכע בערג צו
זיך און האָבען זיי בענוצט פאַר זייערע פעלדער. נעבען רמלה
און נצרת, צ. ב. ש., קאָן מען, אָבער זעהען אַזעלכע בערגלעך
20 ביז 30 מעטער די הויך, וואו דער קאָסטבאַרער מאַטעריאַל
פוילט שוין זינט צעהנדליגער יאָהרען. דער פאַקט, אַז ביי אַזאַ
אונזיניגער מעטאָדע פון אַקערבוי, טראָגט נאָך דער באָדען אי־
בערהויפּט פרוכט, און גאָר ניט אַזוי ווייניג ווי מען וואָלט זיך
קאָנען פאָרשטעלען, — רעדט שוין גענוג פאַר די אונערשעפּליכע
פרוכטבאַרקייט פון באָדען. לויט דעם צושטאַנד פון די פעלדער,
און לויט דעם, ווי פאַכמענשען ערקלערען, דאַרף דער אַראַבער
בעקומען פון תבואות, דורכשניטליך, פון 16 ביז 18 צענטנער
פער העקטאַר, — אַ הכנסה, וואָס קאָן זיך פערגלייכען מיט דער
הכנסה פון די קלענערע דייטשע בויערן, ביי וועמען, אָבער,
דער באָדען קריגט אַ גאַנץ היבשע מיסטיגונג, אַ דאַנק דעם, וואָס
זיי האַלטען אויס פערהעלטניסמעסיג פיעל בהמות.

וואו מען בענוצט זיך אָבער מיט גענוג מיסט, טראָגען די פעלדער איין פיעל מאָל אַזוי פיעל ווי די אַראַבישע. אין כנרת, צ. ב. ש., איז דאָ אַ גערשטענפעלד, אויף וועלכען ה' בערמאַן האָט געלאָזט ברייננגען אַזוי פיעל מיסט, וויפיעל ער האָט געקאָנט גע־ברויכען. און מיר האָבען אָבגעשאַצט, אַז דער רעזולטאַט אין תבואה אויף דעם געמיסטיגטען חלק וועט זיין 2 אַ האַלב מאָל און אפשר מעהר ווי 3 מאָל אַזוי גרויס ווי דער רעזולטאַט פון דעם ניט געמיסטיגטען חלק.

ווי ווייט עס וועט מעגליך זיין, צו געברויכען אויך קינסט־ליכע מיסטיגונג, איז נאָך פאָרלויפיג ניט בעוואוסט. די דייטשען אין ווילהעלמינא מאַכען איצט, אונטער דער לייטונג פון זייער טיכטיגען לאַנדווירטשאַפטס־לעהרער קעללער, די ערשטע פראָבען מיט שטאַרקער מינעראַלישער מיסטיגונג, ווייל זיי געפינען איצט ניט מעהר קיין אַראַבישע מיסט גענוג נאָהענט פון די קאָלאָניעס. און פון די קלענערע פראָבען, וואָס זיי האָבען ביז איצט געמאַכט, קאָן מען זאָגען, אַז דער באָדען איז בכח צו פערדייהען די קינסטליכע מיסטיגונג. די פראָבע־אַנשטאַלט וועט דאָ האָבען צו פאַרענטפערען איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען, און נאָך אַלע־מען קאָן מען שוין היינט האָפען, אַז די פראָדוקטיוויטעט פון דער פעלדווירטשאַפט וועט אויך פון דער זייט קאָנען שטאַרק פערגרעסערט ווערען.

בכלל, — און דאָ שטימען איין אַלע פאַכמענער, מיט וועמען איך האָב נאָר גערעדט, — איז אַ בעדייטענדע אינטענסיווירונג און ראַציאָנאַליזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אין פאַלעסטינאַ געראַדע אַזוי מעגליך ווי אירגענד אַנדערשוואו. מיט דער אָבשאַ־צונג פון דער הכנסה וואָלט איך וועלען זיין פאָרזיכטיג. דאָך קען איך ערקלערען, אַז לויט אייניגע פראָבען, וואָס איך האָב געקאָנט מאַכען, און לויט ערקונדיגונגען, וואָס איך האָב ערהאַל־טען פון פאַכמענער, טראָגט איין די פרימיטיווע באָדען־בעאַרביי־טונג פון די אידישע בויערן בערך 6 פראָצ. פון דעם געזאַמט־ווערטה, נאָכדעם ווי מען רעכענט שוין אָראָב פון דעם ריוח דעם העכסטען אַרבייטס־לוין, וואָס מען צאָהלט געוועהנליך אין לאַנד. די דאָזיגע אָבשאַצונג ווייזט, אַלזאָ, אַז ביי ראַציאָנאַלער קולטור, אפילו אָהן גענאָסענשאַפטליכער פראָדוקציאָן, וועלכע איז דאַן

מבטיח נאָך אַ העכערע הכנסה, קאָן די הכנסה פון אַגריקולטור געבראַכט ווערען נאָהענט צו דער הכנסה פון דער מאָדערנער פּרוכט-קולטור, און אַז פּיהצוכט שטעלט אין אויסזיכט נאָך פיעל גרעסערע ריוחים.

דערמיט, גלויב איך, איז דער לאַנדווירטשאַפט-טעכנישער שטאַנדפּונקט גענוג אַרומגערעדט געוואָרען.

.2

די ארבייטער פראגע:

די אַרבייטער פראַגע צוטיילט זיך אויף צווייען: איז דער אידישער אַרבייטער פיזיש פעהיג צו לאַנדווירטשאַפט, איז ער פּסיכיש פּאַסענד פאַר דער גענאָסענשאַפט?

עס איז קיין ספק ניט, אַז שוין איצט איז פאַראַן אין פּאַ-לעסטינאַ דער נויטיגער פּיזיש-פעהיגער אַרבייטער-מאַטעריאַל, ניט נאָר פאַר איין פּערזאָן, נאָר אַפּילו פאַר אַ גאַנצע רייהע פּערזאָנען, און אַז מען קען ערציהען די אַרבייטער פון די אַנדע-רע לענדער פאַר וויטערע פּערזאָנען. איך האָב געזעהען די יונגע לייט ביי דער שווערסטער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט, וועלכע עס קען נאָר געבען, ביים רייניגען דעם באָדען מיט דער שווע-רער פּלאַנצונגס-האַק, אַן׳אינסטרומענט, וואָס פאָדערט די גרעסטע פיזישע קראַפט און אויסדויער, און איך האָב ניט בעמערקט קיין צייכען פון פּיזישע איבעראָנשטרענגונג אָדער אויסגעמאַטערטקייט. איך האָב געזעהען, ווי די אַרבייטער פון כנרת באָדען זיך נאַקעט אין ים טבריה און האָב בעמערקט מיט וואָס פאַר אַ כח און גע-שיקליכקייט זיי האָבען בעהערשט די שווימענדע פערד, אויף וועל-כע זיי זענען געריטען, — און איך האָב בעוואונדערט מיט אמת׳ן שטאָלץ די פרעכטיגע געשטאַלטען, די לעבעדיגע סטאַטועען פון פאָלקאָמענסטע פאָרמען און קרעפטיג-בעוועגליכע מוסקעלען. און דאָס זענען אַלץ געווען כמעט אינגאַנצען, יונגע לייט פון זיצ-בעשעפטיגונגען: פריהערדיגע שרייבער, האַנדווערקער. אַקאַדע-מיקער, לעהרער, א. ז. וו. דאָ איז פאַראַן דער אייזערנער ווילען צו דערגרייכען אַ נאַציאָנאַלען ציעל, און זיינע וואונדער האָבען גע-

ווירקט; און אויב דיזער ווילען וועט קאָנען אויפּברענגען צווישען די אידישע האַנדווערקער, מינען־אַרבייטער, לאַסט־טרעגער, א. ז. וו. מיט אונגעפעהר דיזעלבע קראַפט, ווי ער האָט עס געטון צווישען „אינטעליגענטען”, דאַן איז קיין ספק ניט, אַז עס וועלען זיך געפינען אידישע לאַנדאַרבייטער און בויערן אין אַ גאַנץ גענינ־גענדער צאָהל. ביסלעכווייז וועט אויפוואַקסען נעבען זיי אַ יונגער דור פון קינדער, וואָס זענען געבאָרען געוואָרען אין לאַנד, און וואָס וועלען אויך געוויס בעשאַפען אַ גאַנץ נייע ראַסע. פון די קינדער, וואָס איך האָב געזעהען, האָבען נאָר די פּראָלעטאַריער־קינדער פון פתח תקוה אַ שלעכטען אויסזעהן, צוליעב די פיעל שווערע אויגען־קראַנקהייטען. דאָס זענען, אָבער, כמעט, נאָר אַזעלכע קינדער פון אָרעמע איינוואַנדערער, וואָס זענען ניט געבאָרען געוואָרען אין לאַנד. די, וואָס ווערען געבאָרען אין לאַנד, זענען, אָהן אויסנאַהמען, אמת'ע פּרעכטיגע בעשעפענישען. עס איז זיכער, אַז דאָס זענען די קינדער פון דער העכסטער ראַ־סע אין לאַנד; זיי „טרעטען — זיך צו בענוצען מיט פּרייטאָג'ס אַנ'אויסדרוק — מיט די פיס פון בעלי בתים אויף זייער אייגענעם גרונד און באָדען”, די קלאָרע אויגען זייערע קוקען פריי, אָפען און מוטהיג. און די קערפּער זענען גראַציעז און פול מיט קראַפט. איך האָב געזעהען אַ קליינעם אינגעלע, וואָס האָט זיך געיאָגט אויף אַנ'אונגעזאָטעלטען פערד דורך די גאַסען פון רחובות, אָנ־האַלטענדיג זיך נאָר מיט די נאַקעטע פיס ביים האַלז פון פערד, וועהרענד די אָרעמס העבען זיך בעוועגט אין דער לופטען. איך האָב געזעהן אַ זוהן פון אַ קאָלאָניסט אין פתח תקוה, אַ יונגען מאַן, 22 יאָהר אַלט, וואָס איז 1,88 מעטר הויך, אין דער זעלבער פּראָפּאָרציאָן ברייט און ווי עס ווייזט אויס ריזענשטאַרק, אַנ'עכ־טער בויער, איינער פון די שענסטע מענער, וואָס איך האָב ווען געזעהען. דער וואַקסענדער דור איז געוויס אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַ צוקינפטיגען פאָלקס־ישוב, וואו עס וועט אויך ניט פעהלען די פסיכיש־פיזישע מעלות, וואָס אַ גרענעצלעבען אין פאַלעסטינאַ פאָדערט: מוט און שנעלע ענטשלאָסענהייט. אָט די מעלות, וואָס מען גלויבט, אַז דוקא די אידען צייכענען זיך ניט אויס מיט זיי, האָבען זיך שוין אויך ענטוויקעלט ביי די איינגעוואַנדערטע אַרביי־טער; זיי בעהערשען פריי כלי זיין, זענען ענטשלאָסען זיי צו בע־

נוצען — און האָבען בײ מאַנכע געלעגענהײטען דאָס בעװיזען מעהר צו פֿיעל װי צו װעניג.

אין דעם אַלעם זענען, אַלזאָ, זיכער פֿאַראַן די בעדינגונגען פֿאַר די ערשטע גענאָסענשאַפֿטס־קאָלאָניען, װאָס דאַרפֿען שפּעטער געגרינדעט װערען.

אין דעם האָבען אויך די, װאָס קענען דאָס לאַנד, ניט געצװײפֿעלט. מען איז מיר, אָבער, אַנטקעגען געקומען מיט דער מײנונג, אַז דער אידישער אַרבײטער איז אַלס „רײנסטער אינדיװידואַליסט" ניט פּאַסיג פאַר גענאָסענשאַפֿטען, און דר. רופּין האָט מיר פֿאָרגעװאָרפֿען, אַז איך אַלײן בין שולדיג אין דעם, װאָס מען טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ מײנונג. איך האָב, װי עס װײזט אויס, ניט דײטליך גענוג אַרויסגעזאָגט אין מײנע פֿריהערדיגע אַרטיקלען בנוגע צו דעם דאָזיגען פּונקט, אַז די גענאָסענשאַפֿטליכע קאָלאָניזאַציאָן, װי איך שטעל מיר פאָר, לאָזט איבער פֿאַר יעדער אינדיװידואַליטעט די גרעסטע פֿרײע טעטיגקײט. דאָס איז מיר, אָבער, געלונגען צו איבערצײגען ניט נאָר דר. רופּין, נאָר אַפֿילו די װעניגער עקאָנאָמיש־געלערנטע אַרבײטער אין לאַנד, און דעריבער װיל איך האָפֿען, אַז עס װעט מיר אויך געלינגען צו ערװעקען די זעלבע איבערצײגונג אין מײנע לעזער. צוליעב דעם צװעק װיל איך נאָך אַמאָל פֿונאַנדערװיקלען דעם גענאָסענשאַפֿטספּלאַן אַזױ אויספֿיהרליך, װי עס איז נאָך ביז איצט ניט געטאָן געװאָרען.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן איז פֿעראינטערעסירט צו לעגען אין פּאַלעסטינאַ אַ פֿעסטען, ערפֿאָלגרײכען, אַגראַרישען יסוד, כדי אויפֿצובױען אויף איהם אַ מעגליכסט שטאַרקען בנין פֿון אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער טעטיגקײט. „װער עס װיל שאַפֿען שטעדט, מוז שאַפֿען בױערן". די אַגראַרישע קאָלאָניזאַציע נױטיגט זיך אין צװײ אַײנװאַנדערער שיכטען: אין אַ קלײנער שיכט פֿון װאָהלהאַבענדע, אָדער רײכע, און אין אַ גרױסער, פּראָלעטאַרישער.

פֿאַר דער ערשטער שיכט דאַרפֿען מיר האָבען, דרינגענדער װי אַלץ, אַ גרױסע אַגראַר־באַנק, װאָס זאָל ערװערבען שטיקער לאַנד, װאָס זאָל אויספֿיהרען ביז ענדע די קויף־פֿערהאַנדלונגען, װעלכע געהען נאָך צו שװער אין טערקײ, און װאָס זאָל געבען דעם װאָהלהאַבענדען אײנװאַנדערער אַנ׳אונצװײפֿעלהאַפֿט-

זיכערע אייגענטומס-גאַראַנטיע, אין דער פֿאָרם פֿון אַ קושאַן. איצט איז דער צושטאַנד, ליידער, אַזאַ, אַז הונדערטע וואָהלהאַבענדע מענשען, וואס ווילען איינוואַנדערן און מיליאָנען באַרעם קאַפּיטאַל, געהען פֿערלאָרען פֿאַר דער קאָלאָניזאַציאָנס-אַרבייט, ווייל עס איז ניטאָ קיין טעטיגער און טיכטיגער אָנבאָט פֿון לאַנד, וואָס זאָל צופֿרידען שטעלען די פֿאָדערונגען. צוליעב דעם צוועק האָט די „פּאַלעסטינאַ לאַנד דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַניע" בעדאַרפֿט פערמעגען בעדייטענד גרעסערע מיטלען און האָט בעדאַרפֿט אָנ-געפֿיהרט ווערען פֿון ריין געשעפֿטליכען שטאַנדפּונקט. יעדענפֿאַלס מיט בעשריינקונג פֿון איהר דיווידענד אויף ניט קיין הויכען פּראָ-צענט, אונגעפֿעהר אַזוי ווי די בערלינער לאַנדבאַנק. טובת-הכלל איז עטוואס וואונדער-שעהנעס. אָבער פֿון אידעאַליסטען בעשטעהט נור דער קלענסטער טייל פֿון דער מענשהייט, און קיינער וועט ניט לייסטען דער ציוניסטיש-נאַציאָנאַלער אידעע אַ גרעסערע דינסט, ווי דעריעניגער, וואָס בעווייזט פֿאַר דער וועלט, אַז אין פּאַלעסטינאַ קאָן מען מאַכען אויסגעצייכענטע געשעפֿטען. בלויז אויף דעם אופֿן קאָנען מיר אַריינציהען אין פּאַלעסטינאַ די גרויסע קאַפּיטאַלען, וואָס מיר דאַרפֿען האָבען.

אויף דעם אופן וועט מעגליך ווערען פֿאַר אַ גרויסע צאָהל אידישע לאַנדבעזיצער צו בעזעצען זיך אין פּאַלעסטינאַ, און, הגם זיי וועלען ניט זיין בויערן אין דעם אמת'ן זין פֿון וואָרט, וועלען זיי דאָך, אָבער, בעשעפֿטיגען אידישע אַרבייטער, און לאָז זיין אַפילו די ביליגע תימנים. זייערע קינדער וועלען שוין געוויס זיין אויסגעצייכענטע קאָלאָניסטען. יעדענפֿאַלס וועט אויף דעם אופֿן איבער-געהן אַ גרויסער חלק ערד פֿון די סיריער, טערקען און איבער-הויפּט פֿון די אַראַבער, אין דעם בעזיץ פֿון אידען, און וועט זיין בערייט פֿאַר שפּעטערע קאָלאָניזאַציאָן.

פֿיעל וויכטיגער איז, אָבער, די קאָלאָניזאַציאָנען פֿון פּראָלע-טאַרישע בעזיצלאָזע עלעמענטען. ערשטענס, זענען זיי פֿיעל שטאַרקער, און ניט נאָר אין אַ פֿיעל גרעסערער אַבסאָלוטער, נאָר אויך אין אַ גרעסערער רעלאַטיווער צאָהל, גענויגט צו דער אויסוואַנדערונג פֿון די גלות לענדער בכלל און ספּעציעל צו דער איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינאַ. זיי לעבען אין ערטער פֿון העכסטען עקאָנאָמישען און סאָציאַלען דרוק און שטרעבען איינצוואַנדערן

אין די ערטער פֿון קלענערען דרוק. צווייטענס איז זייער נויט אַם העכסטען און זיי קאָנען זיך אַליין ניט העלפֿען. דריטענס איז זייער בּעזעצונג דער איינציגער זיכערער מיטעל פֿאַר די נאַציאָנאַליזי־רונג פֿון דאָס לאַנד. אומעטום וואו עס עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַליטע־טען קאַמפּף אין לאַנד, האָט זיך די קאָלאָניזירונג פון וואָהלהאַבּענדע, גרעסערע בּעזיצער אַרויסגעשטעלט אַלס בּאַנקראָט, — ווי, למשל, אין פּוילען. זיי זענען תּמיד אין איבּעראַל געצוואונגען איינצושטעלען דעם בּיליגסטען אַרבּייטער, און דיזער בּיליגער אַרבּייטער איז כמעט קיינמאָל ניט דער אַרבּייטער פֿון דער אייגענער נאַציאָן נאָר גראָד אַנ׳אָנגעהעריגער פֿון יענער נאַציאָן, וועלכע מען וויל אַרויס־שטופּען. אין דאָסזעלבּע איז אויך אין יהודה, וואו עס אַרבּייטען מייסטענטיילס אַראַבּער בּיי אַלע אַרבּייטען, וואָס פֿאָדערן נאָר רויהע קראַפֿט אין אַ געוויסע פּראָפֿעסיאָנעלע געשיקטקייט, אָבּער גאַנץ וועניג אינטעליגענץ, — אפילו בּיי די אידישע קאָלאָניסטען. דער בּיליגערער אַרבּייטער שטופּט אַרויס אָבּער, אומעטום און אויף שטענדיג, דעם טייערערען אַרבּייטער פון דעם לאַנד.

ווי אַזוי קאָן מען קאָלאָניזירען פּראָלעטאַרישע עלעמענטען? ראָטהשילד און יק״אַ האָבּען שוין אַ לאַנגע צייט געמאַכט נסיונות מיט דער אַקערבּויער־קאָלאָניזאַציאָן אין די בּיידע מעגליכע פֿאָרמען פֿון דעם אייגענבּעזיץ און דער ירושה־פּאַכט אָדער טייל־פּאַכט. ווי איך האָבּ שוין בּעמערקט, קאָנען די נסיונות ניט בּעצייכענט ווערען אַלס אונגעלונגען; הויפּטזעכליך אין דער לעצטער צייט האָבּען זיך דאָ געוויזען בּעדייטענדע ערפֿאָלגען, פֿון דער צייט אָן, ווען די אונגליקליכע שטה פֿון נדבות, אַ שטה וואָס צוברעכט דעם חוט השדרה פון יעדער אַקערבּוי־טעטיגקייט, האָט אויפֿגעהערט.

אָבּער דאָ הויבּט זיך אויף אַ ספֿק בּכלל בּנוגע די בּעזע־צונג פון אַקערבּויערן, ווייל זי פֿאָדערט פֿערהעלטניסמעסיג גרויסע שטיקער ערד פֿאַר יעדע פּערזאָן, כדי צו זיכערן אַ פֿאַמיליע מיט אַ געוויסער הכנסה, און ווייל דער בּויער איז כמעט איבּעראַל ריקשטעהענד אין טעכניש־קולטורעלען זין, ער איז בּטבע עמפּי־ריסטיש און קאָנסערוואַטיוו און פֿאָלגט נאָך לאַנגזאַם דעם פֿאָרט־שריט פֿון דער טעכניק אין דער ווויסענשאַפֿט נאָך דאָרטען, וואו אַ בּליהענדע גרויס פּראָדוקציאָן אין זיין שכנות גיט איהם בּולט׳ע בּעווייזע אַז עס לוינט אַזאַ גרויס־פּראָדוקציאָן. געפֿינט זיך אָבּער

אין פּאַלעסטינאַ נאָר איינע אַנ׳עלטערע, אין סעדזשערא, די מוסטער פֿערם פֿון דער יק״אַ אין דעם אױבערשטען גליל, און צווײ, וואָס האָבען זיך אָקאָרשט איצט געגרינדעט: ל ו ד, וואָס געהערט צום נאַציאָנאַלפֿאָנד און כּנרת, וואָס געהערט צו דער „פּאַל. לאַנד דעוו. קאָ.״ וועניגסטענס, אַלס מוסטער פֿאַר די צוּ־קינפֿטיגע בּויערן־קאָלאָניגאַציאָן, וואָלט, אַלזאָ, די גרינדונג פֿון פֿיעל מעהר אַזעלכע גרויס־פּראָדוקציאָנען געווען דרינגענד ווינ־שענס־ווערטה.

דער ספק בּנוגע די בּויערן־קאָלאָניזאַציאָן ווערט, אָבער, אין פּאַלעסטינא נאָך שאַרפֿער. דאָס לאַנד איז קליין און מוז ווי מעגליך געדיכטער בּעזעצט ווערען. שוין צוליעב דעם אַליין מוז מען אויס־קלייבען אַ קאָלאָניזאַציאָנס־פֿאָרמע, וואָס זאָל ערלויבען אַ געדיכטע בּעפֿעלקערונג אַפֿילוּ אויפֿ׳ן לאַנד. אויסערדעם, זענען די פּאַלעסטי־נישע לאַנד אַרבּייטער בּעסטענפֿאַלס, טיכטיגע לאַנדאַרבּייטער, אָבער אויך קיין אופֿן נאָך ניט קיין בּויערן. און פֿיעל שטאַרקער ווערט נאָך יענער ספֿק בּנוגע די נייע אײַנוואַנדערער, מיט וועלכע די קאָלאָניזאַציאָן וועט זיך דאָך אין איהר פּראָצעס מוזען רעכע־נען, און וועלכע זענען נאָך אַפֿילו ניט קיין לאַנד־אַרבּייטער, נאָר וועלען עס נאָך ערסט דאַרפֿען ווערען. צו בּעזעצען אַזעלכע אונערפֿאַהרענע עלעמענטען אַלס בּויערן, ווי די יק״א פֿלעגט דאָס טאָן די ערשטע צייט אין אַרגענטינא, הייסט ניט אַנדערש, ווי אַריינשטויסען דעם מענשען אין געוויסע לעבּענס־בּעדינגונגען, זיך ניט קימערענדיג, וואָס פֿון איהם וועט ווערען. און עס איז בּאמת אַ נס ווען בּיי אַזעלכע אומשטענדען האָט אַפֿילוּ נאָר אַ קליינער פּראָצענט פֿון די קאָלאָניסטען אויסגעהאַלטען און זיך אַרויפֿגעאַרבּייט.

פֿון דעם שטאַמט אַלזאָ, אַז מיר נויטיגען זיך דרינגענד אין אַ פּראָדוקציאָן, וואו פֿיזיש־קרעפֿטיגע אָבער לאַנדווירט־שאַפֿטליך־אונערפֿאַהרענע מענשען זאָלען קאָנען אויסנוצען זייער אַרבּייטס־קראַפֿט, ניט זייענדיג געצוואונגען זעלבּשטענדיג אַלץ צו בּעזאָרגען. אַ פּראָ־וקציאָן, בּיי וועלכער זיי זאָלען קאָנען ערצויגען ווערען, אין מעגליכבּט קורצער צייט, צוערשט אין מעכּניש־פּראָ־פֿעסיאָנעלער הינזיכט, און שפּעטער כּדי צו וויסען די תּנאים פֿון האָדעווען בּהמות און פּלאַנצונגען, — קורץ, מיר מוזען האָבּען

אַלעהר=אַנשטאַלט. די דאָזיגע שול טאָר אָבער גאָר נישט קאָסטען, פֿאַרקעהרט, זי מוז זיך בעצאָהלען. זי קאָן, דעריבער, נאָר זיין אַ גרויספּראָדוקציאָנס=פּלאַץ, וואָס זאָל געשטעלט ווערען אונטער בעדינגונגען, וועלכע זאָלען ברייננגען ריוח.

די בעדינגונגען זענען צווייערלייאיגע:

ערשטענס, מוז עס זיין אַ גרויספּראָדוקציאָן, וואָס זאָל האָבען אַ גענינגענדען קאַפּיטאַל, און וואָס זאָל געפֿיהרט ווערען פֿון אַנ׳ע־פֿאַהרענעם פֿאַכמאַן, מיט דער גאַנצער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפֿטליכער און וויסענשאַפֿטליכער טעכניק.

דאָס אַליין וועט דאָ, אָבער, ניט זיין גענוג. אויב ניט אין דעם ערשטען פֿערזוך, וואו מיר ווער׳ען מוזען נעהמען אין אָנבעטראַכט נאָר ערפֿאַהרענע אַרבייטער, וועלען מיר, אָבער, אין די שפּעטערדיגע פֿערזוכען, וואו איין טייל פֿון דער אַרבייטערשאַפֿט וועט תמיד מוזען בעשטעהן פֿון „רעקרוטען", זיך מוזען רעכענען מיט אַנ׳אַרבייטערשאַפֿט, וואָס וועט אַרונטערבריינגען די הכנסה, ווייל זייער לוין, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, וועט פֿון אָנהויב איבערשטייגען דעם ווערט פֿון דער אַרבייט. מיר מוזען דאָך אָבער האָבען אַ הכנסה אַ גרעסערע פֿון דעם גוט ערפֿאַהרענעם בויער. און דאָס איז אַ בעדינגונג, וואָס די נאָרמאַלע גרויס=פּראָדוקציאָן, אַפֿילו פֿון דער העכסטער טעכנישער פֿאָלקאָמענהייט, ערפֿילט ניט מעהר אין קיין לאַנד. די אַרבייטער פֿון דער דאָזיגער פּראָדוקציאָן וואָלטען דאָס אַפֿילו געקאָנט, אָבער זיי ווילען ניט לייסטען די נויטיגע אַרבייטסקראַפֿט. זיי האָבען ניט צוליעב וואָס אַוועקצוגעבען זייער גאַנצע קראַפֿט און אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַר די אינטערעסען פֿון אַ פֿרעמדער פּערזאָן, און אַזוי זינקט די הכנסה פֿון דער גרויס=פּראָדוקציאָן נידריגער ווי די הכנסה פֿון די בויערן, טראָץ איהר אונגעהויער טעכניש=וויסענשאַפֿטליכען פּראָגרעס.

דעריבער מוזען מיר אין אונזער גענאָסענשאַפֿטס=קאָלאָניע שאַפֿען אויך די צווייטע, די *פּסיכאָלאָגישע* בעדינגונג פֿון הכנסה. מיר מוזען בעוועגען די קראַפֿט פֿון זעלבסט=אינטערעס און נאָך אַלע ערפֿאַהרונגען פֿון דער עקאָנאָמישער געשיכטע האָבען מיר אין אויסזיכט, רייכליך אויסצופֿילען דורך דעם

גוטען ווילען פֿון די אַרבײַטער, וואָס עס פֿעהלט זיי אין טעכֿני=
שער ערפֿאַהרונג.

דאָס הייסט: אונזער טעכֿנישע גרויס=פּראָדוקציאָן מוז צו
דערזעלבער צייט זיין אַ לאַנד=עקאָנאָמישע אַרבייטס=פּראָדוקטיוו=
גענאָסענסאַפֿט, — אַ פּראָדוקציאָן, וואָס איהר ריינע הכֿנסה זאָל
געהערען צו אַלע אַרבייטער און זייערע לייטענדע בעאַמטע.
דיעזען ציעל קאָן מען אָבער ניט דערגרייכֿען מיט איין שפּרונג.
עס מוז צוערשט זיין אַ פֿאָרבעריייטונגס=פּעריאָד, וואָס זאָל לויט
זיין פֿאָרם זיין קאַפּיטאַליסטיש, אָבער נאָך זיין עקאָנאָמישען
אינהאַלט גענאָסענשאַפֿטליך, ד. ה. אַ גרויס=פּראָדוקציאָן, וואו
די אַרבייטער וועלען בעקומען פֿאַר זיך אַ גרויסען חלק פֿון
דעם רייח.

ערשטער פּעריאָד: דער חלק אין ריוח.

די אַרבייטער פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפֿט לעגט אַרויף די גאַנצע ריזיקע פֿון דער פּראָדוקציאָן אויף די מיטגליעדער פֿון דער געזעלשאַפֿט, און דאָס קאָנען זיי ניט איבערנעהמען אין די ערשטע צייט. ווען עס זאָל טרעפֿען שלעכטע ערנטען אין די ערשטע יאָהרען, דאַן איז אָדער זייער לאַגע וועט ווערען קריטיש, אַפֿילו געפֿעהרליך, פֿאַר זייער קיום, אָדער זיי וועלען מוזען אָנקומען צו דער אונגליקליכער שטה פֿון נדבות, וועלכע צושטערט אויף אייביג דעם ווירטשאַפֿטליכען אויפשוואונג פֿון דער אונטערנעהמונג. פֿון דער אַנדער זייט, קאָן מען ניט ערוואַרטען פֿון קיין קאַפּיטאַל־געבער, אַז ער זאָל איבערגעבען אַן׳אינווענטאַר, וואָס האָט דעם ווערטה פֿון אונגעפֿעהר 120,000 פֿר., מינימום, אין די הענד פֿון אַ פֿעראייניגונג פֿון אַרבייטער, וועלכע מעגען אַפֿילו טעכניש בעזיצען דעם העכסטען גראַד פֿון אַרבייטס־פֿעהיגקייט, אָבער וועלכע האָבען נאָך ניט געגעבען קיין בעווייז, ערשטענס, אַז זיי זענען בכח אויפֿצוהאַלטען צווישען זיך שלום און אָרדנונג, און צווייטענס, אַז זיי קאָנען אָנפֿיהרען אַ הויכע ווירטשאַפֿטליכע פּראָדוקציאָן. וואָרום קוים ווערט די פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפֿט געגרינדעט, ווערט דער בעאַמטער פֿון די אַרבייטער דער אָנפֿיהרער, און דאַן זענען כמעט אונפֿערמיידליך רייבונגען בנוגע דער דיסציפּלין, אויב די בעציהונג צווישען די אַרבייטער און זייערע בעאַמטע איז ניט געגרינדעט אויף לאַנג יעהריגעס צוזאַמענאַרבייטען און אויף די זיכערע ערפֿאַהרונג פֿון דער נוצליכקייט פֿון דער אָרגאַניזאַציאָן.

אום־דזשומי, ביים לינקען ברעג ירדן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פֿון דער „פּ. ל. ד. ק." אַלס קליינע פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפֿט, וואו עס ווערט געאַרבייט זעהר גוט און וועלכע איז מבטיח צו ווערען אַ בליהענדע קאָלאָניע, קאָן דאָ ניט דיענען אַלס אַ ראַיה געגען? ווייל דאָ האַנדעלט זיך פֿאָרלויפֿיג, ניט וועגען אַ גרויס פּראָדוקציאָן נאָר וועגען זעהר אַ קליינער גענאָסענשאַפֿט, צוזאַמענגעשטעלט פֿון 6—7 אַלטע פֿריינד. און חוץ דעם—בעקומט די דאָזיגע גענאָסענשאַפֿט פֿון דער פּ. ל. ד. ק.

גרעסערע הלואות אין פֿאָראויס אויף זייער שפּעטערדיגען חלק פֿון ריוח. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן קאָן מען נאָך ניט רופֿען אין שטריינג-וויסענשאַפֿטליכֿען זין אַרבייטער-פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט. פֿון דעם קען מען, אָבער, איבעריגענס לחלוטין ניט דרינגען געגען דעם פֿערזוך און זיין אויספֿיהרבאַרקייט. דער פֿערזוך איז צוגעפּאַסט צו די איצטיגע פֿערהעלטניסען, און ער איז אַנ'עקספּערימענט פֿון דער העכֿסטער פּראַקטישער און טהעאָרעטישער בעדייטונג פֿאַר אונזער קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ.

דער פּלאַן איז פֿאָלגענדער: עס ווערט אַיינגעאָרדענט אַ גרויס-פּראָדוקציאָן, ד. ה. עס ווערען געבויט די נויטיגע בנינים, צוזאַמען מיט אַ ברונעם, א. ז. וו. מען פֿערשאַפֿט זיך אַ גענינגענדען לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר און דעם נויטיגען צאָל אַרבייטער, און מען בעשטעלט אַ טיכֿטיגען אַדמיניסטראַטאָר. די אַרבייטער שטעהען אונטער דער געוועהנליכֿער דיסציפּלין, ד. ה. דער פֿיהרער האָט דאָס רעכֿט צו בעשטראָפֿען און אַרויסצושיקען. מען וועט אָבער פּרובירען פֿון אָנהויב אָן צו מאַכֿען די אַרבייטער פֿאַר זייערע אייגענע שופֿטים, ווי עס פּאַסט אייגענטליך פֿאַר אַזאַ אונטערנעהמונג. דער אַדמיניסטראַטאָר וועט האָבען דאָס רעכֿט, ניט דעם חוב, פֿאָרצובריינגען פֿראַגען פֿון דיסציפּלין פֿאַר אַנ'עהרענגעריכֿט, וואָס זאָל זיין געוועהלט פֿון די אַרבייטער גופֿא. וואָס עלטער די אונטערנעהמונג וועט ווערען, אַלץ גרעסערע רעכֿט וועט אָט דער עהרענגעריכֿט בעקומען. אויף דעמזעלבען אופֿן וועט זיך קאָנען ענטוויקלען אַ טעכֿנישער בעראַטונגס-קאָמיטעט פֿון די אַרבייטער, וואָס זאָל ביסלעכֿווייז בעקומען אַלץ מעהר מאַכֿט און פֿאָלקאָמענהייט, ד. ה. דער אַדמיניסטראַטאָר זאָל צוערשט האָבען דאָס רעכט, און מיט דער ענטוויקלונג פֿון דער אונטערנעהמונג, זאָל ער אויך פֿערפֿליכֿטעט זיין צו בעראַטען זיך מיט דעם קאָמיטעט וועגען די קומענדיגע אַרבייטען א. ז. וו. דער קאָמיטעט וועט האָבען דאָס רעכֿט אַיינצוטיילען די אַרבייט צווישען די מיטגליעדער און שפּעטער וועט ער אפשר אויך קאָנען בעקומען דאָס רעכֿט צו בעשטימען דעם אַרבייטס-לוין. שפּעטער וועט די גערעכֿטיגקייט און אויך די אינטערעסען פֿון דער זאַך פֿאָדערען, אַז אַרבייטער פֿון זעהר פֿערשיעדענער קוואַליטעט זאָלען אויך פֿערשיעדענאַרטיג בעלאָהנט

ווערען, און אויב נור די אַדמיניסטראַציע וועט דאַרפֿען בעשטי־
מען די דאָזיגע פֿערשיעדענע מדרגות, וועלען אַרויסקומען קאָנ־
פֿליקטען און פֿאַרביסענע שנאה־שטרייטען.

דער ריוח פֿון דער אונטערנעהמונג דאַרף אין דעם דאָ־
זיגען ערשטען פֿעריאָד געטיילט ווערען אַזוי, אַז קודם כל זאָלען
געדעקט ווערען אַלע הוצאות און די חובות. צו דיעזע הוצאות
געהערט צוערשט דער לוין פֿון די אַרבייטער. די אַרבייטער
בעקומען אויסגעצאָהלט, סיי אין גוטע יאָהרען, סיי אין שלעכטע
יאָהרען, דעם געוועהנליכען אַרבייטס־לוין אין פֿולען מאָס. דער
ריוח ווערט צוטיילט. פֿון איין זייט, צווישען די אייגענטימער
פֿון דעם באָדען און דעם אינווענטאַר און פֿון דער אַנדער זייט
צווישען די אַרבייטער, לויט אַ פֿערהעלטניסמעסיגער פּראָפּאָרציאָן.
וואָס אַ העכערען פּראָצענט דאָס קאַפּיטאַל וועט בעקומען, אַלץ
אַ גרעסערען חלק אין ריוח וועלען בעקומען די אַרבייטער: די
צוטיילונג וועט זיין פֿאָלגענדע: דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד, וועמען
עס שטעהט קיין ריזיקע ניט פֿאָר, בעקומט 3 % פֿון דער אַל־
געמיינער סומע, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין די קאָלאָניע,
און דער גענאָסענשאַפֿטס־פֿאָנד, וואָס ריזיקירט מיט אַלץ, —
4 %, און אויסערדעם נאָך אַ פֿיערטעל פֿון דעם ריינעם ריוח,
וואָס וועט נאָך אַלעמען בלייבען. די איבריגע דריי פֿיערטעל
בעקומען די אַרבייטער אויסגעצאָהלט לויט דער פּראָפּערציאָן פֿון
זייער לוין. צ. ב., אַז דער גאַנצער לוין בעטרעפֿט 20,000 פֿר.
און דער גאַנצער ריוח בעטרעפֿט 8,000 פֿר., דאַן בעקומט דער
גענאָסענשאַפֿט פֿאָנד איבער זיינע 4%, 2,000 און די אַרביי־
טערשאַפֿט 6,000 פֿר.; און נעמליך אַזוי, אַז אַן אַרבייטער וואָס
פּערדיענט אין פֿערלויף פֿון אַ יאָהר 500 פֿר. קריגט 150 פֿר.
פֿון דעם ריוח, דער וואָס האָט פּערדיעט, צוליעב די אָדער יענע
אורזאַכען נאָר 250 פֿר. אַ יאָהר, קריגט 75 פֿר. אַ געניטער אַר־
בייטער, וואָס האָט בעקומען לוין 750 פֿראַנק אַ יאָהר, קריגט
פֿון דעם ריוח 750 פֿר. דער אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער בעקומט
געהאַלט 3000 פֿר. אַ יאָהר, קריגט פֿון דעם ריוח נאָך 1000 פֿר.

דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ סיסטעם איז אַ צווייפֿאַכער: ער־
שטענס וועלען זיך פֿערשטאַרקען די פֿלייס פֿון יענע מיטאַרבייטער,
וועמען אַרבייט איז די וויכטיגסטע פֿאַר דעם אַלגעמיינעם ערפֿאָלג.

צווייטענס, גיט די מעטהאָדע דעם אַדמיניסטראַטאָר די פֿולע מעגליכקייט, אָנצווועגדען אויסער דעם טאָג לוין אויך אַנדערע מיטלען פֿון בעלוינונג, וועלכע מען האָט אויסגעפֿונען אַלס גילטיג אין דער לאַנדווירטשאַפט: לוין פער שטיק, פער טייל, פרעמיען, צ. ב. פֿאַר קוהמעלקער, א. ז. וו. ווען די אַרבייטער-גרופּע, אָדער דער מילכיקער, וואָס בעקומט מילך-פּרעמיען, וויים. אַז זיין אָנשטריינגונג ווערט בעלוינט ניט נאָר דורך דעם געזאַמטלוין אָדער די פּרעמיע, נאָר אויך דורך דעם חלק אין ריוח, וועלכען מען בעקומט דערפֿאַר, דאַן וועט ער אָנווענדען אַ דאָפּעלטען פֿלייס. און דאָס איז ספּעציעל וויכטיג אין אַרבייטען, וועלכע ווערען אָבגעטאָן אין גרופּען, ווייל גרופּענאַרבייט אַליין קאָן, ווי בעקאַנט, געבען אַ גרעסערע קוואַנטיטעט, אָבער ניט קיין גרעסערע קוואַליטעט פֿון אַרבייט.

די בעשטימונג, אַז דער חלק אין ריוח זאָל גלייך אויסגעצאָהלט ווערען און אַז עס זאָל קיין טייל דערפֿון ניט אַראָבגענומען ווערען פֿאַר די אַלגעמיינע צוועקען פֿון די אַרבייטער, שטימט איין מיט די ערפֿאַהרונגען פון דער עקאָנאָמישער געשיכטע און מיט דעם כאַראַקטער פֿון דעם אידישען אַרבייטער גופֿא. די ערפֿאַהרונגען האָבען בעוויזען, אַז וואָס גרעסער דער חלק ריוח איז, אַלץ שטאַרקער ווירקט ער אויף דעם אַלגעמיינעם ערפֿאָלג. און שוין דאָס אַליין מוז אונז אָבהאַלטען פֿון אָנצונעהמען די אַלע פּאַטריאַכאַלישע מיטלען פֿון אַפּוטרופּסות, ווי צווינגען די אַרבייטער זיי זאָלען אַוועקלייגען דעם ריוח אין אַ שפּאָרקאַס'ע, פֿון זייער אייגענער טובה וועגען א. אַז. וו. אָבער קודם כל פּערבאָט דאָס צו טאָן דער האַראַקטער און דאָס סאָציאַלע קלאַסענבעוואוסטזיין פֿון די אידישע אַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ. זיי זענען פֿרייע מענשען און זיי ווילען און מוזען בעהאַנדעלט ווערען אַלס אַזעלכע. קיינער זאָל ניט וואַגען צו בעריהרען זייער מענשענרעכט, אַליין צו לערנען פֿון די אייגענע פֿעהלערן, כל זמן די אינטערעסען פֿון כלל ווערען ניט געשאַדט דורך די דאָזיגע פֿעהלערן. דאָך קאָן מען ערוואַרטען און האָפֿען, אַז די גענאָסענשאַפֿט פֿון די אַרבייטער גופֿא וועט בעשליסען מיט דעם אייגענעם פרייען ווילען אָבצושפּאָרען דעם גאַנצען ריוח, אָדער וויינינגסטענס אַ בעדייטענדען חלק פֿונ'ם ריוח, פֿאַר דעם נעכסטען און וויכטיגסטען

צוועק פון דער גענאָסענשאַפט, נעמליך פאַר דעם איינקויף פון אַנ׳אינווענטאַר, כדי זיך צו קאָנען ווייטער ענטוויקלען אַלס אַנ׳עלטע פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפט. ווען דער דאָזיגער בעשלוס וועט, ווי מיר האָפען, אָנגענומען ווערען—דאַן מעג די געגאָסענשאַפט אַריינלייגען די געלד וואו זי וויל. מען וועט אָבער, אויך קאָנען טראַכטען וועגען גרינדען צוליעב דעם צוועק אַ שפּאָר-קאַסע, וואָס זאָל קאָנען געבען אַ גרעסערען פּראָצענט אויף די איינגעצאָהלטע געלדער ווי אַ באַנק. דערמיט וועלען זיך די אַרבּייטער מעגען בענוצען אָדער ניט, גאַנץ ווי זיי ווילען. בכלל דאַרף זיין דער העכסטער פּרינציפּ פון צוזאַמענאַרבּייטען — ניט בעשריינקען די פרייהייט פון די אַרבּייטער אין אָננעהמען בעשלוסען, וואָס זענען נוגע אַלע ענינים פון אינערען לעבען פון זייער געגאָסענשאַפט.

כדי צו ערוועקען דעם זעלבּסט-אינטערעס פון די אַרבּייטער און געווינען זיי צו דער נייער פּראָדוקציאָנס-פאָרמע, דאַרפען די אַרבּייטער בעקומען אַ חלק, נאַטירליך נאָך אַ קליינעם חלק, אין דעם ריוח, אפילו דאַן, ווען דאָס קאַפּיטאַל קאָן נאָך ניט ערהאַלטען דעם מאַקסימום פון זיין ריוח.

צווייטער פּעריאָד: די לאַנדווירטשאַפטליכע געגאָסענשאַפט.

נאָך דער פריהעריגער אָבשאַצונג פון דער הכנסה קאָן מען שטאַרק האָפען, אַז פון דעם חלק אין ריוח וועט זיך אָנזאַמלען אין די הענד פון דער אַרבּייטערשאַפט, אין פערלויף פון אייניגע יאָהר אַ סומע געלד גענוג גרויס כדי אָבצוצאָהלען פאַר דעם אינווענטאַר לויט דעם פריהעריגען אָבמאַך צווישען דעם געגאָסענשאַפטספאָנד און דער אַרבּייטערשאַפט. עס וועט זיך, אָבער, ניט פאָדערן, אַז מען זאָל פערלאַנגען באַרעס געלד פאַר דעם גאַנצען ווערטה פון אינווענטאַר. מען וועט זיך צופרידענשטעלען מיט אונגעפעהר אַ העלפט, אויב פאַר דאָס איבּריגע, וואָס מען וועט קאָנען אויסצאָהלען ביסלעכווייז, וועט קאָנען געגעבען ווערען אַנ׳ערבות, פון פּריוואַטע פּערזאָנען, פון אונזער באַנק, אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדער אופן.

לאָמיר אָננעהמען, אַז דאָס געשעפט איז געענדיגט, אַז די

סומע פֿאַר דעם אינוועסטאַר איז אויסגעצאָהלט. דאַן ענדערט זיך די גאַנצע יוריסטישע קאָנסטרוקציע. ביז אַהער זענען געווען בעטיי-ליגט דריי יוריסטישע פערזאָנען: דער נאַציאָנאַלפֿאָנד, אַלס איי-גענטימער פֿון דער ערד און פֿון אַלע פֿערבעסערונגען, וואָס זע-נען געמאַכט געוואָרען אויף איהר, איז געווען דער פֿערפּאַכטער; דער גענאָסענשאַפֿטספֿאָנד, אַלס אייגענטימער פֿון אינוועסטאַר און פֿון פּראָדוקציאָנס-פֿאָנד, איז געווען דער פּאַכטער, און די אַר-בייטערשאַפֿט איז געווען דער קאָנטר-אַגענט, וועמען דער קאָנ-טראַקט טיילט צו אַ חלק אין דעם ריוח און דאָס רעכט איבער-צונעהמען די גענאָסענשאַפֿט.

איצט געהט דער גענאָסענשאַפֿטספֿאָנד אַרויס פֿון שותּפֿות. זיין אויפֿגאַבע איז שוין ערפֿילט געוואָרען, און איצט וועט ער אַריינלעגען זיין קאַפּיטאַל אין אַן'אַנדער באָדען, כּדי ווידערצו-האָלען דעם זעלבען פּערזוך אונטער פֿיעל גינסטיגערע בעדינגונגען. איבערגעבליבען זענען נאָר דער נאַציאָנאַל-פֿאָנד, אַלס פֿער-פּאַכטער, און די אַרבייטערשאַפֿט, אַלס זעלבסטשטענדיגע און זעלבסטפֿעראַנטוואָרטליכע פּעכטערין. זי איז, ענדליך אויסגע-וואַקסען אַלס אַן'עכטע לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטער פּראָדוק-טיוו-גענאָסענשאַפֿט.

אַלס אַזעלכע טראָגט זי די פֿולע פּעראַנטוואָרטליכקייט, אָבער צוזאַמען מיט דעם אויך די ריזיקע, ד. ה. אין שלעכטע יאָהרען, מוז זי זיך צופֿרידען שטעלען מיט אַ קלענערען אַרבייטס-פֿערדינסט ווי געוועהנליך. און זי קאָן עס אייגענטליך אַריבער-טראָגען, זי האָט אין די פֿריהערדיגע צייטען צונויפֿגעזאַמעלט אַ היבשען פּערמעגען אַ טייל פֿון וועלכען זי קאָן אין אויסערסטען נויטפֿאַל פֿאַרווענדען. פֿערקעהרט, אָבער, אין גוטע יאָהרען, נעהמט זי דעם גאַנצען ריינעם ריוח פֿאַר זיך, ווייל דער נ. פֿ. שטעלט זיך צופֿרידען, אַזוי ווי פֿריהער, מיט די זיכערע צינזען פֿון זיין קאַפּיטאַל. אין דעם פֿאַל איז דער נאַציאָנאַל-פֿאָנד אַזוי צו זאָגען דער בעזיצער פֿון דער ערשטער היפּאָטעקע.

אַלס לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטער-פּראָדוקטיוו-גענאָסענ-שאַפֿט, פֿערוואַלטעט די אַרבייטערשאַפֿט זיך זעלבסט, אויף וויפֿיעל דאָס געהט ניט געגען די בעשטימונגען פֿון דעם פּאַכט-קאָנטראַקט. די דאָזיגע בעשטימונגען, אָבער, בעשרייַנקען זיך בלויז

אויף דער זיכערהייט פון דער פערצינזונג און אויף אַלע אַלגעמיינע איינאָרדנונגען, ווי פּאָליצייליכע געזעצען פאַר בויען, פאַר מאָראַל און פאַר אַרבייטען; פערבאָטען פון פראָדוקציאָנען, וואָס קאָנען בעלעסטיגען די שכנים דורך שטויב, ליאַרם, א. ז. וו.; פער־באָטען צו פערקויפען אַלקאָהאָל־געטראַנקען און אַריינצולאָזען אין שכנות גייסטקראַנקע, וועלכע זענען געפעהרליך פאַר דער גע־זעלשאַפט, און פראָסטיטוציע, פערפליכטונג אויפצוהאַלטען א בעשטימטע בויאָרדנונג און צו בעפלאַנצען די גאַסען מיט בוימער, וכדומה.

ענדליך, וועט איינע פון דיעזע בעשטימונגען זיין די, אַז איין פינפטעל פון דעם אַלגעמיינעם באָדען זאָל ניט אַוועק־געגעבען ווערען אין ירושה־פאַלט, ווען די גענאָסענשאַפט קומט צום בעשלוס, אַז דער באָדען זאָל צוטיילט ווערען צווישען זיך אין ירושה־אַרענדע, ה. ה. אַז זי זאָל פערוואַנדעלט ווערען פון אַ לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטיווע געגאָסענשאַפט אין אַ לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוצענטען געגאָסענשאַפט.

ווי אויבען געזאָגט, וועלען די אַרבייטער האָבען דאָס פולע רעכט צו טון אַלץ, וואָס זיי ווילען. נור איין־איינציגע זאַך, וואָס וועט זיין אין ווידערשפּרוך צו דעם סאָציאַלען ענדצוועק פון דער אונטערנעהמונג, וועלען זיי ניט טאָרען טון — דאָס איז די צו־טיילונג פון דעם אַלגעמיינעם באָדען צווישען די גענאָסען אַלס איינענטום אין זין פון רוימישען רעכט. ווייל דאָס אייגענטום געהערט און וועט אַלע מאָל געהערען צום נאַציאָנאַלפאָנד. יע־דער אַנדערער פעהלער קאָן פערריכט ווערען און וועט פערריכט ווערען, ווען עס וועט קלאָר ווערען זיינע רעזולטאַטען. די אַרבייטערשאַפט קאָן אָבזאָגען, אַלזאָ, איהר אַדמיניסטראַטאָר, ווען זי קאָן זיך מיט איהם ניט אַיינלעבען; זי קאָן זאָגאַר פּרו־בירען אָנפיהרען די אַרבייט אָהן אַ וויסענשאַפטליך־געבילדעטען אָנפיהרער. ווען די אַרבייטערשאַפט וועט בעמערקען פון די רעזולטאַטען, אַז דער עקספערימענט קאָסט איהר צו טהייער, וועט זי זיך געוויס אומקעהרען אין איהרע אייגענע אינטערעסען, צום פריהערדיגען צושטאַנד. קורץ און גוט, זי איז איהר איי־גענער בעל הבית, ווע֗מעס פעהלערן וועלען זיך לאָזען פיהלען אין איהר אייגענעם געלדבייטעל, ניט אין קיין פרעמדען.

אין הויפט-בעדינגונג בלייבט, אָבער, אונפֿאַרענדערט, און דאָס איז, אַז אין דעם פֿאַל פֿון פֿערטיילונג, טאָר אין פֿינפֿטעל פֿון דעם אַלגעמיינעם באָדען ניט פֿערטיילט ווערען אַלס ירושה-פֿאַלט. די גענאָסענשאַפֿט קאָן עס אָדער בענוצען געמיינזאַם, אָדער אַרויסגעבען אין אַרענדע אויף אַ קורצע צייט פֿון אַנ'ערך 9 ביז 18 יאָהר, אָבער יעדענפֿאַלס אויף אַזאַ אופֿן, אַז אַ טייל פֿון דעם באָדען זאָל צו יעדער צייט קאָנען בעקומען ווערען צוריק, ווייל אין פֿאַל, ווען דאָס איבריגע לאַנד ווערט צוטיילט ווערען אין חלקים, איז דיזער פֿינפֿטעל נויטיג, כדי די גענאָ-סענשאַפֿט זאָל קאָנען מאַכען דעם לעצטען און ווילטיגסטען טריט,—צו דער זידלונגס-גענאָסענשאַפֿט.

דער דריטער פּעריאָד: די זידלונגסגענאָסענשאַפֿט.

אויף וויפֿיעל איך האָב געקאָנט זעהען פֿון דער פּאָלעמיק איבער דער פֿראַגע, איז דער בעגריף פֿון דער זידלונגס-גענאָ-סענשאַפֿט נאָך ווייט ניט גענוג קלאָר און דייטליך. פֿיעלע פֿערבייטען עס מיט דער אַרבייטער פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט, און פֿיעלע אַנדערע זענען חושד, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ העכסט פֿערוויקעלטע, איידעלע געזעלשאַפֿטס-געביידע, וואָס האָט זיך אויסגעוועבט אין מיין מח, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ מין עקאָנאָמישען זייגער-ווערק, וואו די פּרוזשינע קאָן לייכט צושפּרונ-גען ווערען, אָדער שטויבקערנער קאָנען אריינקומען צווישען די רעדער. ביידע מיינונגען זענען פֿאַלש. די זידלונגסגענאָסענשאַפֿט איז ניט איין און די זעלבע זאַך מיט דער אַרבייטער-פּראָדוקטיוו-גענאָסענשאַפֿט, נאָר זי שטעלט פֿאָר די העכסטע פֿאָרמע פֿון גענאָסענשאַפֿטליכער קאָלאָניזאַציאָן, וועלכע מען קאָן זיך נור פֿאָרשטעלען; זי קאָן זיך אַם בעסטען און אויפ'ן לייכטעסטען אופֿן ענטוויקלען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער קאָלאָניזאַציאָן; זי קאָן, אָבער, אונטער גינסטיגע אומשטענדען, אויך געגרינדעט ווערען אַלס שטעדטישע זידלונג, אַלס גאָרטענשטאָדט פֿון אַ העכערער מדרגה. איך קאָן זיך דאָ אָבער ניט אַריינלאָזען אין פּרטים וועגען דעם.

פֿאַלש איז אויך די צווייטע פֿאָרשטעלונג, זי שטאַמט הפנים פֿון דעם, וואָס איך האָב מיך בעמיהט אויסצורעכענען, ווי אַזאַ

זידלונגסגענאָסענשאַפט וועט פונקציאָנירען, ווען זי וועט איינגע־אָרדענט ווערען. עס איז מיר, אָבער, קיינמאָל ניט איינגעפאַלען זי צו וועלען אויפבויען. איך האָב קיינמאָל ניט געשטרעבט צו זיין דער ליקורגוס פון דער עקאָנאָמיע, איך האָב נור געוואָלט זיין איהר ניוטאָן; איך וויל ניט איהרע געזעצען געבען, נאָר איך וויל פערשטעהן איהרע געזעצען.

די זידלונגסגענאָסענשאַפט איז אַ געמישטע קהלה, צוזאַמענגעשטעלט פון בויערן, אַרבייטער, סוחרים און די, וואָס געהערען צו די פרייע פּראָפעסיאָנען, און ענדליך אויך אונאָבהייגיגע בעלי־בתים. אַזאַ קהלה אונטערשיידעט זיך פון יעדער אַנדערע געמיינדע פון דער וועלט נאָר מיט דעם, וואָס די ערד געהערט ניט דעם איינצעלנעם, נור דער קהלה גופא. פון דעם פאַקט שטאַמען אַרויס די וויכטיגסטע רעזולטאַטען, און די דאָזיגע רעזולטאַטען האָב איך פּרובירט אויספאָרשען ביז אין די פרטים אַריין, כדי זיך אויסצו־מאָהלען אַ בילד פון דער גאַנץ אייגענאַרטיגער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס מוז זיך אויף דעם יסוד ענטוויקלען פון די אַלגעמיינע עקאָנאָמיש פּסיכאָלאָגישע גרונדגעזעצען.

וואו נאָר אַ לאַנדווירטשאַפט געפינט זיך אין זעהר נאָהענטע שכנות צו אַזאַ געמישטע קאָלאָניע, וואַקסט די הכנסה פון דעם אייגענטימער, און דעריבער וואַקסט אויך דער ווערט פון זיין באָדען. דאָס זעלבע איז אויך, נאָך אין אַ גרעסערען מאָס, מיט דעם שטאָדטישען באָדען. אָבער וואו דער באָדען איז דאָס אייגענטום פון דער קהלה גופא, דאָרט געהערט די פערגרעסערטע הכנסה צו דער קהלה, ד. ה. צו אַלע איהרע מיטגליעדער, און וואָס מעהר די קאָלאָניע וואַקסט, אַלץ גרעסער איז די הכנסה, וייל נאָך דעם „געזעץ פון קאָאָפּעראַציאָן" וואַקסט די פּראָדוקטי־וויטעט צוזאַמען מיט דער בעפעלקערונג און אין דערזעלבער פער־העלטנים אויך די הכנסה פון יעדען אַרבייטער, ווייל די הכנסה געהערט ניט צו דעם פריוואַטען אייגענטימער פון דער ערד.

כדי קלאָרער צו מאַכען די זאַך וועלען מיר דאָ אָנווייזען אויף איינינע נוצען, וועלכע די גענאָסענשאַפט בעקומט פון דעם, אַז עס בעזעצען זיך אויף איהר באָדען ניט־לאַנדווירט־שאַפטליכע עלעמענטען. די קאָלאָניע בעקומט דעם יפו'ער אָדער חיפה'ר פּרייז פאַר איהר ווייץ, ווען זי טוישט דאָס

אוים, למשל, בײ דעם שמיד, וואָס וואָהנט בײ איהר, פֿאַר אַנ'־אַקער, אָבער זי דאַרף ניט בעצאָהלען פֿאַר דעם קײן טראַנס־פּאָרט־קאָסטען, און זי קריגט דערפֿאַר דעם אַקער אויך אויף דעם יפֿו'ער אָדער חיפֿה'ר מאַרק־פּרייז און זי דאַרף ווידער קײן טראַנספּאָרט ניט בעצאָהלען. דער שמיד האָט געניי דעמזעלבען פּראָפֿיט; ווײל ער וואָלט דאָך, אַנדערש, געמוזט פֿיהרען זײן אַקער נאָך יפֿו און ברײנגען פֿון דאָרטען זײן קאָרן, און פֿאַר בײדע זאַכען בעצאָהלען טראַנספּאָרט.

די צווייטע מעלה איז, וואָס דער באָדען קריגט אין מיס־טיגונגען צוריק פֿון די תּבואות און פּירות, וועלכע ווערען פֿון איהם גענומען אַלץ מעהר, וואָס מעהר זײנע פּראָדוקטען ווערען אויפֿ'ן פּלאַץ פֿערברויכט.

די דריטע מעלה איז, וואָס די אָנוועזענהייט פֿון אַ גרוי־סער צאָהל ניט־אַרבײטער גיט דער געזעלשאַפֿט די מעגליכ־קייט צוצוציהען ביליגע הילפֿס־קרעפֿטען אין צייטען פֿון גרע־סערען אַרבייטס־פֿאַרברויך די בעלי מלאכות און די גערטנער גופא, אויך זייערע ווייבער און קינדער וועלען גערן זײן בערייט צו העלפֿען בײ דער גרעטעניש פֿאַר אַ העכערען לוין און נאַטירליך אויך פֿאַר דעם פּראָפּאָרציאָנעלען חלק אין ריוח; און דאָך וועט דער דאָזיגער הויכער לוין אויסקומען ביליגער פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, ווי דאַן, ווען זי וואָלט געווען געצוואונגען צו דינגען אַרבײטער פֿאַר אַ קלענערען לוין, אָבער אויף אַ לענ־גערע צייט.

די פֿיערטע מעלה איז, וואָס די אַלע דאָזיגע ניי־אַריינגעקו־מענע ניט־לאַנדווירטשאַפֿטליכע אײנוואָהנער טראָגען־מיט די לאַסט פֿון די אָבצאָהלונגען און דעם אַלגעמיינעם פּאַכטצינז און פֿער־שטאַרקען אַלע געזעלשאַפֿטען: די קאָנסום פֿעראיינען, די קרע־דיטגענאָסענשאַפֿט, די בויגענאָסענשאַפֿט, די בהמות־פֿערזיכע־רונג־גענאָסענשאַפֿט, א. ז. וו., מיט זייער אָנטיילנעהמען מאַכען זיי די דאָזיגע געזעלשאַפֿטען לעבענספֿעהיגער און פּראָדוקטיווער.

פֿאַר די דאָזיגע ענטוויקלונג, וועלכע איז אַזוי וויכטיג און וועלכע פֿערגרעסערט שטאַרק די הכנסה פֿון די אַלע בעשעפֿ־טיגונגען, מוז מען אין יעדען פֿאַל האָבען פֿרייען באָדען; און

דאָ קומט צו הילף די בעשטימונג, אַז אַ פֿינפֿטעל לאַנד זאָל בלייבען פֿריי אין פֿאַל פֿון צוטיילונג.

די פֿערהעלטנים פֿון די ניי אַריינטרעטענדע איינוואָהנער צו דער גענאָסענשאַפֿט און צום נאַציאָנאַל־פֿאָנד איז אונגעפֿעהר אַזאַ: די אַרבייטער־פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאַפֿט, אין בעציהונג צו דעם גענאָסענשאַפֿטס־פֿאָנד, טרעט אָב די נייע אַריינטרעטער אַ חלק פֿון איהר פּאַכטרעכט. זיי בילדען מיט איהר צוזאַמען אַ בעזיץ־גענאָסענשאַפֿט, וועלכע גאַראַנטירט דעם נ. פֿ. פֿאַר דעם געמיינזאַמען פּאַכט. דער נייער איינוואָהנער וועט, אַלזאָ, ניט זיין אונטערפּאַכטער, נאָר זעלבשטענדינער פּאַכטער. און דאָס־זעלבע גילט אויך פֿאַר אַזעלכע אַקערבויער און גערטנער, וואָס ווילען זיך זעלבשטענדיג בעזעצען אויף דעם לאַנד. מיט יעדעם נייעם איינוואָהנער פֿערקלענערט זיך, אַלזאָ, דאָס פּאַכטלאַנד פֿון דער צענטראַלע, ווי מיר קאָנען אָנרופֿען ריזע גרויסע פּראָדוקציאָן, און אין זעלבען מאָס פֿאַרקלענערען זיך אויך איהרע פּאַכט־התחיבות.

פֿיעל מאָל האָט מען אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז אויף דעם אופֿן וועט סוף כל סוף אָנקומען אַ מאָמענט, ווען די צענט־ראַלע וועט מעהר ניט האָבען קיין לאַנד אויף צו פֿיהרען איהר גרויס־פּראָדוקציאָן. אויף דעם קאָן מען ענטפֿערען, אַז עס וועט, אַפנים, תּמיד מעגליך זיין, צו ערווערבען אין דער נאהענטסטער שכנות גענוג נייע לאַנד, כּדי צו בעזעצען מאַסען שטעדטישע איינוואָהנער. אויב, אָבער, דאָס וועט ניט מעגליך זיין, דאַן, הייסט עס, וועט דאָך דאָס זיין דאָס העכסטע און לעצטע ציעל, וואָס די קאָלאָניזאַציאָן האָט געקאָנט דערגרייכען: עס וועט בע־שאַפֿען ווערען אַ פֿערהעלטניסמעסיג שטאַרק בעפֿעלקערטע און בלי־הענדע שטאָדט, און איך זעה ניט איין, פֿאַרוואָס מען זאָל דער־פֿאַר מורא האָבען, ווי באַלד, אַז דאָס נעמליך איז גראָד ווינשענס־ווערטה פֿאַר די, וועלכע שטרעבען צו בעזעצען אין פּאַלעסטינאַ וואָס צאהלרייכערע אָרעמע אידישע עלעמענטען.

ווען דער דאזיגער צושטאַנד וועט פֿערווירקליכט ווערען וועט מיט דעם דערגרייכט ווערען, אויפֿ'ן העכסטען גראַד, דאָס, וואָס איז אייגענטליך דער צוועק פֿון אונזער ערשטער פּראָבע: די שאַ־פֿונג פֿון אַ קרעדיט באַזיס. דאַן וואָלט שוין פֿערשוואונדען דער

מאָמענט, ווען דאָס גרויס־קאַפּיטאַל האָט זיך געהאַלטען מיס־טרויאיש, פון דער ווייטענס, צו דיעזער אונטערנעהמונג, און צעהנדליגער, און אפשר הונדערטער נייע קאָלאָניען וואָלטען גע־גרינדעט ווערען, וועלכע וואָלטען דאַן, וואַהרשיינליך, שנעלער און גלאַטער דורכגעמאַכט, אויף דעם יסוד פון די פריהערדיגע ער־פאַהרונגען, דעמזעלבען פּרוֹצעסבאַרען ענטוויקלונגסגאַנג. דער נאַ־ציאָנאַל פאָנד בעקומט זיינע צינזען, אַלס דער ערשטער מלוה, פון אַ פאלקס־רייכער און וואָהלהאַבענדער שטאָדט, מיט נאָך פיעל גרעסערער זיכערהייט ווי פריהער; דער גענאָסענשאַפטספאָנד, וועלכער איז איצט פיעלפאַך פאַרשטאַרקט געוואָרען, אַרבייט אויף אַ סך אַנדערע גיטער, און די ערשטע אַרבייטער, די פיאָ־נערען, זענען שוין איצט געוואָרען בויערן אָדער גערטנער אָדער שטעדטישע בעלי־בתים. אויף דיעזע ענטוויקלונג קוק איך, דערי־בער, מיט דער גרעסטער רוהיגקייט און פרייד.

לאָמיר זיך איצט אומקעהרען צו דעם רעגעלמעסיגען גאַנג פון דער זאַך, ווי ווייט מען קאָן איהם ערוואַרטען, ניט אַריינ־פאַלענדיג אין אוטאָפּיסטישע רעכנונגען.

איך זעה דעם גרעסטען ווערט פון דער דאָזיגער זעלבסט־שטענדיגער קאָלאָניע אין דעם, וואָס זי גיט די גרעסטע פריי־הייט דער אינדיווידואַליטעט צו ענטוויקלען זיך; זי האָט אין זינען ניט נור די בעלי מלאכות, סוחרים, פרייע פּראָפעסיאָנען, בעלי־בתים, גערטנער און אַקערבויער, וועלכע קומען צו פון דרויסען נאָך דער בעגרינדונג פון דער גענאָסענשאַפט, נאָר אויך אַלע יעניגע ערשטע מיטגליעדער פון דער גענאָסענ־שאַפט, וועלכע ווינשען צו זיין זעלבשטענדיג.

ווי נור עס וועט זיך קלאָר אַרויסשטעלען, אַז די אונ־טערנעהמונג וועט האָבען אַ דויערנדען קיום, וועט יעדען אַרבייטער געגעבען ווערען די פרייהייט צו דערגרייכען אַ גרעסערע אָדער קלענערע זעלבשטענדיגקייט אין איינער פון די דריי פאָלגענדע פאָרמען.

מיר וועלען פּרינציפּיעל אָנהויבען נאָר מיט אונבעווייבטע אַרבייטער, ווייל מיר קאָנען ניט נעהמען אויף זיך די פּעראַנט־וואָרטליכקייט פאַר דעם שיקזאַל פון אַ פאַמיליע, איידער עס ווייזען זיך גינסטיגע רעזולטאַטען. ווען אָבער יעדער ספק מכח די

רעזולטאַטען וועט פֿערשווינדען, וועלען מיר ערמוטהיגען אונזערע אַרבייטער התונה צו האָבען.

אַגב אורחא קאָן מען זאָגען, אַז דאָ ליגט דער שוואַכסטער פּונקט פֿון דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציאָן. איב אין פּאַלעסטינאַ זענען שוין דאָ אייניגע בויערען, זענען, אָבער, קיין בויערינען נאָך כמעט גאָר ניטאָ. און אָהן אַ בויערין איז דער בויער אַ פֿאַרפֿאַלענער מענש! די יונגע מיידלעך פֿון פּאַלעסטינא זענען רייצענד און פּראַכטפֿול, אָבער די גרעסטע מאַיאָריטעט פֿון זיי האָבען ניט קיין ליסט און ניט קיין פֿערשטענדניס פֿאַר אַקערבויערײ, און האָבען ניט די מינדעסטע נייגונג איבערצונעהמען די שווערע און אָפֿט אונאַנגענעהמע אַרבייט. וואָס פֿאַלט אויף די בויערנפֿרוי. און אַרומזעהן די עופֿות, בהמות און דאָס רוב אויך די ערנטע. איך האָב געזעהען פֿיעל עלעגאַנטע ווידעגע בלוזען און שלאַנקע פֿיינע שיכלעך, איך האָב בעגעגענט פֿיעל אינטעליגענץ און ווילען צו העכערער בילדונג; איך האָב, אָבער, נור ווייניג ערשיינונגען געזעהן אַזוינע, וואָ איך זאָל זיך קאָנען פֿאָרשטעלען אַ אידישע פֿרוי מיט אַנ'אונטערגעבונדענע קליידעל און הילצערנע שיך זיצענדיג אויפֿ'ן מעלק בענקעל, אָדער ביים אויסמיסטיגען, אָדער ביים בינדען סנאָפּעס אונטער דער גליהענדער זון. דער דאָזיגער פּאָרלויפֿיגער מאַנגעל אין געניגענד אויסגעבילדעטע אַרבייטס־בויערינען—און סאַלאָן בויערינען קאָנען דאָ גאָר נישט העלפֿען—שיינט מיר צו זיין די גרעסטע אורזאַכע פֿאַרוואָס מיר קאָנען פּאָרלויפֿיג ניט פֿיעל רעכענען אויף אַ ברייטען און וויטלויפֿיגען ערפֿאָלג פֿון קאָלאָניען פֿון יהודישע בויערען. און מיר דיכט, אַז די הויפּט־מעלה פֿון מיין סיסטעם איז דאָס, וואָס עס מאַכט מעגליך די בעזעצונג פֿון צאָהלרייכע בויערען, וועלכע וועלען ניט דאַרפֿען הייראַטען דוקא בויערינען.

דער אַרבייטער האָט נעמליך די וואַהל צווישען די פֿאָלגענדע דריי מעגליכקייטען:

ערשטענס: ער בלייבט אַזוי ווי פֿריהער אַרבייטער פֿון דער צענטראַל פּראָדוקציאָן, אַלס חבר פֿון דער גענאָסענשאַפֿט; ער וואָהנט אין הויפּט בנין, און אַ קליינע וואָהנונג פֿון צוויי ביז דריי

צימערען אײַנגעאָרדענט פֿאַר איהם אַליין, וואו זיין פֿרוי בעזאָרגט די ווירטשאַפֿט. אויב זיין פֿרוי וויל זיך בעטייליגען אין צענטראַל-פּראָדוקציאָן אַלס אַרבייטערין, וועלכע בעקומט אַ חלק פֿון ריוח אדער אַלס גענאָסין, און קריגען אַ געוויסען לוין, שטעהט עס איהר פֿריי צו טאָן; וויל זי עס ניט, אָדער קאָן זי עס ניט טאָן, מעג זי זיך צוריקהאַלטען.

צווייטענס: דער אַרבייטער בלייבט דאָ אויך אַרבייטער פֿון דער צענטראַל-פּראָדוקציאָן, אַ חבר פֿון דער גענאָסענשאַפֿט, נעהמענדיג אַ חלק אין ריוח; אבער ער נעהמט אויסער דעם אין ירושה-פּאַכט בערך צעהן דונאַם לאַנד, בויט זיך אויס אויף דאָס, פֿון אייגענע מיטלען, אָדער פֿון מיטלען, וואָס ער נעהמט ביי דער קרעדיט-גענאָסענשאַפֿט, אַ הויז מיט אַ קליינעם שטעלכעל, און בעווירטשאַפֿט דאָס קליינע שטיקעל לאַנד, מיט דער הילף פֿון זיין פרוי, אין זיינע פֿרייע שטונדען, אָדער אויך אין אַ ספּעציעלען טאָג, וועלכער ער נעהמט אַראָב פֿון זיין שטענדיגער אַרבייט. ער קען דאָ ערציהען אַזוי פֿיעל קאָרן און פוטער פֿאַר בהמות און גרינסען, וויפֿיעל ער ברויכט פֿאַר זיין קליינע פֿאַמיליע.

דאָס געלד אויף די הויז און דעם אינווענטאַר קריגט ער ניט פֿון איינע פֿון די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנען, נאָר בלויז פֿון דער קרעדיט-גענאָסענשאַפט פֿון זיין אייגענע גענאָסען, וועלכע וועלען איהם דאָס גאַנץ גערן געבען, ווען ער האָט ביי זיי קרעדיט אַלס טיכטיגער און אָרענטליכער אַרבייטער. דער נאַציאָנאַלפֿאָנד און דער גענאָסענשאַפֿט פֿאָנד וועלען פרינציפּיעל קיין מאָל ניט לייהען איין-איינציגען פֿפֿעניג אַני'איינצעלנער פּערזאָן, זיי וועלען לייהען נור גענאָסענשאַפטען אויף סאָלידאַרע פערזיכערונג. דורך דעם, זענען, ערשטענס, אַזוי גוט ווי אין גאַנצען אויסגעשלאָסען פֿערלוסטען: דער קאָנטראָל פֿון די חברים, וואָס געפֿינען זיך דאָרטען, איז דער גענויעסטער און די אייפֿערזיכטיגסטער, וואָס מען זיך נור פֿאָרשטעלען. אין די אינטערעסען פֿון זייער אייגענער קעשענע, ערמוטהיגען זיי רעגעלמעסיג דעם צוריקבלייבענדען חבר, אַז ער זאָל זיין פֿלייסיגער און זאָל זיך האַלטען מעהר אין אָרדנונג—דאָס-בעווייזט די ערפֿאַהרונג—און אונטער געוויסע אומשטענדען נעהמען זיי אויך אָן שטרענגע מיטלען, מיט וועלכע דער מלוה, וואָס שטעהט פֿון דער

ווייטענס, וואָלט זיך קיינמאָל ניט טאָרען בענוצען, און זאָגען דעם חבר אָב דעם קרעדיט, אין פֿאַל ווען ער לאָזט זיך ניט בייגען, אַפילו דאַן, ווען דער קרעדיט שטעהט נאָך ניט אין געפֿאַהר. צווייטענס, דורך אַזאַ מיטעל ווערט אינגאַנצען אויסגעמידען די שיטה פֿון נדבות געבען מיט איהרע פֿערניכטענדע רעזולטאַטען פֿאַר דער ווירטשאַפֿט; ווייל דער חבר איז דאָ ניט דער בעל חוב פֿון אַ ווייטע, אפֿשר אונפערזענליכע, גרויסע קערפערשאַפֿט, וואָס איהרע אינטערעסען בלייבען איהם גלייכגילטיג, נור ער איז אַ בעל חוב פֿאַר זיינע אייגענע חברים, אויף וועמענס אַכטונג עס איז געבויט זיין גאַנצע שטעלונג, וועמענס אינטערעסען פֿאַלען אינגאַנצען צוזאַמען מיט זיינע אייגענע, און וועמענס שלעכטער ווילען קאָן איהם, ווידער, ברענגען אונענדליכען שאָדען.

מיר קעהרען זיך אום צו אונזער צווייטער אָנזידלונגס פֿאָרם: דער קאָלאָניסט האָט דאָס רעכט, אָבער ניט די פֿליכט, צו לאָזען זיין לאַנד אַקערען, בראָנעווען א. ז. וו. דורך די צענטראַלע אויף זיינע קאָסטען, אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפֿען האָבען זיין אייגענעם געשפאַן און זיינע אייגענע אַקער-געצייג. ער דאַרף נאָר מיסטיגען און אַראָבנעהמען די תבואה פֿון פֿעלד — אַרבייטען, מיט וועלכע ער קאָן לייכט פֿאַרטיג ווערען אין איינינע פרייע שטונדען.

דאָסזעלבע רעכט געניסט דער קאָלאָניסט פֿון דער דריטער קאַטעגאָריע.

דער אַרבייטער טיילט זיך אָב פֿון דער צענטראַל פּראָדוקציאָן; ער קריגט מעהר ניט קיין לוין אָדער אַ חלק אין ריוח, אויסער דעם לוין און דעם חלק אין ריוח פֿון צופֿעליגער אַרבייט, צו וועלכער ער ווערט צוגעצויגען דורך אַ פֿרייען קאָנטראַקט. ער קריגט אויך בערך צעהן דונאַם לאַנד, אַלס ירושה-פּאַכט, און דערצו נאָך 30 ביז 40 דונאַם, אַלס פּאַכט אויף אַ לענגערע צייט, אויף אונגעפעהר 18 יאָהר, מיט דעם רעכט, אַז ער מעג קריגען דאָס לאַנד אויף דיזעלבע תנאים, נאָכדעם ווי די פּאַכט-צייט וועט זיך ענדיגען, אין פֿאַל ווען די גענאָסענשאַפֿט וועט דאָס לאַנד ניט דאַרפֿען דרינגענד פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע פֿון שטעטישער בעפֿעלקערונג אָדער גערטנער.

דער אַרבייטער בויט זיין הויז און די נויטיגע אַנדערע

בנינים מיט אייגענע מיטלען אָדער אונטער די גלייכע בעדינגונ־
גען ווי אין צווייטען פאַל, מיט אַ הלואה פון דער קרעדיט־גענאָ־
סענשאַפט, און פון דער רגע אָן איז ער אַ גאַנץ זעלבסטשטענ־
דיגער בעל־הבית, וועלכער פערוואַלטעט זיין לאַנד אויף זיין איי־
גענער ריזיקע און ווי איהם אַליין געפעלט. ער האָט דאָס רעכט
צו ווערען אַ פול־בערעכטיגער מיטגליעד פון די אַלגעמיינע אַנ־
שטאַלטען: פון דעם קאָנסום־פעראיין, קרעדיט־קאַסע, פערזיכע־
רונגס־קאַסע, אָבזאַץ־גענאָסענשאַפט, צוכט־גענאָסענשאַפט, איינ־
קויפס־גענאָסענשאַפט א. ז. וו.

שוין די מעגליכקייט גופא, וואָס ווערט יעדען געגעבען, זיך
אָבצוטיילען יעדע רגע פון צענטראַל־פראָדוקציאָן און צו קאָנען
ווערען זעלבשטענדיג, — דאָס גופא וועט פעסט צוזאַמענהאַל־
טען דעם פערבאַנד פון דער געגאָסענשאַפט. עס איז אַן אַלטע
ערפאַהרונג, אַז דעם מענשען ערשיינט וויסנענשווערטה דוקא דאָס,
וואָס איז איהם ניט ערלויבט. אויף איינעם פון מיינע רעפעראַ־
טען אין פאַלעסטינא האָב איך דערצעהלט דעם בעריהמטען
אַנעקדאָט פון דעם אַלטען פאַריזער בירגער, וועלכער האָט ביי
אין זיין אַכציגסטען יאָהר פון זיין לעבען קיינמאָל ניט אַריבער־
געטראָטען די גרעניצען פון זיין פאָרשטאָדט. דערפון האָט זיך
דערוואוסט דער קעניג היינריך דער פיערטער און, אַלס פיינער
מענשענקענער, ווי ער איז געוועזן, האָט ער איהם פערבאָטען צו
פערלאָזען פאַריז. פון יענעם טאָג אָן האָט דער אַלטער מאַן קיין
רוה מעהר ניט געהאַט און האָט פערוואָרפען דעם קעניג מיט
בקשות, ער זאָל איהם ערלויבען אַרויספאָהרען פון פאַריז. איין
יאָהר איז פאַרביינעגאַנגען אָהן ערפאָלג. ווען דער קעניג, האָט
איהם, אָבער, נאָך דעם יאָהר צייט, געגעבען די פערלאַנגטע
ערלויבניש, איז ביים אַלטען פלוצלונג אָבגעשטאָרבען דער ווילען
זיך צו בענוצען מיט דער ערלויבניש, און ער איז געשטאָרבען
אַ סך יאָהרען שפעטער, ניט האָבענדיג קיין מאָל איבערגעטרעטען
די גרענעץ.

אַזוי וועט אויך זיין דער פאַל מיט אונזערע אידישע אַר־
בייטער, וועלכע האָבען, אַלס עקסטרעמסטע אינדיווידואַליסטען,
די גרעסטע נייגונג צו דאָס, וואָס איז זיי פערבאָטען. דאָ
ערלויבט מען זיי אויסדריקליך אָבצוטיילען זיך פון דער

צענטראַלע — און גראָד דערפֿאַר וועלען זיי עס ניט טאָן.

דאָך וועט דער פֿאַל פֿאָרקומען, ווען איינער פֿון די גענאָ=סען וועט ניט קאָנען שטימען מיט דעם פֿערוואַלטער אָדער מיט זיינע חברים; אָדער ווען ער וועט זיך האַלטען פֿאַר גאַנץ בעזונ=דערס טיכטיג און פֿיעל קליגער ווי דער אַדמיניסטראַטאָר; אָדער ווען, צוליעב אַ בערעכטיגען אינדיווידואַליזם, וועט ער בעסער וועלען פֿערדיענען ווייניגער אַלס אַ גאַנץ זעלבשטענדיגער בעל הבית, איידער צו שטעהן אונטער דיסציפּלין און פֿערדיענען מעהר. ער וועט פֿאָדערן זיין שטיק באָדען און וועט עס האַל=טען פֿאַר זיך, און וועט נאַטירליך אָנווענדען די לעצטע קרעפֿטען, צו ווייזען די חברים, אַז ער האָט גוט געטאָן; ער וועט אַרבייטען פֿיעל שווערער ווי זיי.

דער דאָזיגער עקספּערימענט וועט ענטשיידען איבער די ווי=טערדיגע פֿאָרם פֿון דער גענאָסענשאַפֿט. די אַנדערע חברים וועלען זעהר אויפֿמערקזאַם צוזעהן, וואָס עס קומט אַרויס דער=פֿון. אויב דער אַרויסגעטרעטענער חבר קריגט ווירקליך אַ גרע=סערע הכנסה, וואָס ענטשפּרעכט דער גרעסערער אינטענסיוויטעט פֿון זיין אַרבייט, וועלען זיי איהם נאָכטון — און זאָלען זיי איהם טאַקע נאָכטון! וויל דאַן וועט בעוויזען ווערען, וואָס איינינע פֿאַכמענער נעהמען אָן אַלס וואַהרשיינליך, אַז די אינטענסיווערע אַרבייט פֿון דעם יחיד קאָן אַריבערוועגען אַפּילו די מעלות פֿון אַ גענאָסענשאַפֿטליכער קאָאָפּעראַציאָן אין דער גרויס=פּראָדוקציע.

ווען אָבער עס זאָל זיך אַרויסשטעלען, אַז דער אַרויסגע=טרעטענער חבר פֿערדינט, ניט קוקענדיג אויף זיין שווערע אַר=בייט, פֿיעל ווייניגער ווי די חברים, וועלכע בלייבען אין דער גענאָסענשאַפֿט, וועט די מעהרהייט זיך שטאַרק היטען איהם נאָכ=צוטון.

מען קען דאָ נאָך בעמערקען, אַז אין די ערשטע צוויי פֿאָרמען קאָן מען אויסקומען אָהן יודישע בויערינען, די דריטע פֿאָרם, אָבער, קאָן קוים עקזיסטירען, אויב דער מאַן וועט ניט האָבען אַנ׳עכטע בויערין, אַלס פֿרוי. און אַזאַ מאַטעריאַל קאָן מען, ווי געזאָגט, כמעט ניט געפֿינען אין פּאַלעסטינאַ. בלויז איינינע פֿרויען פֿון די גרים, די אידיש=געוואָרענע רוסען, שטע=לען פֿאַר מיט זיך דעם געווינשטען טיפּ. צוויי פֿון זייערע פֿערמעס,

וועלכע איך האָב געזעהען, שטעהען טאַקע, דעריבער, העכער פון די פּערמעס, וואָס די אידישע בויערען בעזיצען.

שוין אין דער דאָזיגער אורזאַך אַליין וועלען דאָס רוב אַר־בייטער אָדער חברים געפינען אַ מניעה זיך אויסצוקלייבען די דריטע פאָרם. איך האָף, אַז די צווייטע פאָרם וועט ווערען די הערשענדע, שוין צוליעב דעם גרונד, וואָס זי ערלויבט אַ פיעל געדיכטערע בעזידלונג ווי די דריטע.

און לאָזט מיר דאָ ווידער בעמערקען, אַז עס איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען פון דער ציוניסטישער צוקונפטס־אַרבייט, צו ערציהען אידישע מיידלעך פאַר טיכטיגע בויערינען. ווען איך בין געווען אין ירושלים האָט מען גערעדט וועגען די גרינדונג פון אַזאַ ערציהונגס־אַנשטאַלט, וועלכער וועט, האָפענט־ליך, באַלד פערווירקליכט ווערען. דער בעסטער פלאַץ פאַר אַזאַ אַנשטאַלט וואָלט געווען אויף דעם לאַנד פון אַ זידלונגס־גענאָסענשאַפט, און דאָס וואָלט געווען אַ גליק סיי פאַר דעם אַנשטאַלט סיי פאַר דער גענאָסענשאַפט. די אַנשטאַלט וואָלט קאָנען אויפגעבויט ווערען אין די בעסטע היגיענישע בעדינגונגען, אויף אַ באָדען, וועלכען מען וואָלט ניט געדאַרפט קויפען, נאָר דינגען פאַר אַ קליינעם פרייז. זי וואָלט געווען אין די בעסטע בעציהונגען מיט דער בעטרעפענדער בעפעלקערונג, און זי וואָלט האָבען די געלעגענהייט צו מאַכען בעקאַנט איהרע תלמידות מיט לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטען. די גענאָסענשאַפט, ווידער, וואָלט ערוואָרבען אַ נאָהענטען מאַרק, וואו אָבצוזעצען אַ געוויסען חלק פון איהרע פראָדוקטען, וואָלט האָבען אומזיסט מיסטיגונג, הילף־קרעפטען אין אַ דרינגענדער צייט, א פערשטאַרקונג פון איהרע אַנשטאַלטען, און, ענדליך, וואָלט זי ערוואָרבען אין די לעהרער און לעהרערינס געבאָרענע פיהרער און ערציהער פאַר דער קאָלאָניע.

צוליעב אָט די אַלע אורזאַכען וואָלט מען אויך דאַרפען איינאָרדענען ווי וויט מעגליך אויף דעם באָדען פון דער זידלונגס־גענאָסענשאַפט אַלע צדקה־אינסטיטוטען, וועלכע געהערען ניט ספּעציעל צום שטאָדט, ווי: בתי־יתומים, אַנשטאַלטען, פאַר בלינדע, קאַליקעס א. אז. וו.

עס וועט אויך זיין זעהר וויכטיג צו בעזעצען אויף דעם

דאָזיגען בּיליגען בּאָדען און אין גענאָסענשאַפטליכען קהל-פּער-בּאַנד, זייטיגע אינדוסטריעלע געגאָסענשאַפטען אָדער אַפּיו קאַ-פּיטאַליסטישע אינדוסטריען. די אַרבּייטער וועלען אין קיין פלאַץ ניט געפינען אַזעלכע אונבּעדינגט גינסטיגע תּנאים, פון לעבּען ווי גראָד דאָ: אויף בּיליגען בּאָדען, בּיי בּיליגע שפּייזען און בּיי דער זייט פון אַלע מעגליכע געגאָסענשאַפטליכע פערבּאַנדען, וועלכע שטאַרקען און שטיצען יעדען יחיד אין יעדער לאַגע פון זיין עקאָ-נאָמישער עקזיסטענץ. ווי פּראָפ. ב. שאַץ ערקלערט, וועלען אין איין יאָהר צייט בּערך 50 תּימנער זילבּער„פיליגראַן"-(שטיקעריי בּעפּוצונג) אַרבּייטער אַזוי ווייט אויסגעבּילדעט ווערען, אַז זיי וועלען שוין מעהר ניט דאַרפען זיין טהעטיג אין ירושלים אונטער דער אויפזיכט פון בּצלאל. מען וועט זיי קאָנען געבּען לאַנד פאַר אַ הויז און אַ גאָרטען, ווען זיי וועלען עס וועלען און ווען די גע-נאָסענשאַפט וועט געגרינדעט ווערען. שוין זיי אַליין מיט זייערע פאַמיליען וואָלטען זיין גענוג, כּדי תּיכּף אויסצובּילדען די קאָ-לאָניע אין אַ בּעדייטענדען דאָרף, אָדער אין אַ קליינע שטאָדט, לויט די פּאַלעסטינער פערהעלטניסען.

וועט אָבּער די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע געגרינדעט ווערען? דאָס געלד ווערט געזאַמעלט שענדליך לאַנגזאַם. איך בּין שטאַרק מסופּק אויבּ די זאַמלונגען אויפ'ן פאָנד וועלען פערענדיגט ווערען בּיז דער רעכטער צייט, ד. ה. בּיז ענדע פון דעם יאָהר. און איך מוז זאָגען: דאָס וואָלט זיין אַ נאַציאָנאַלע שאַנדע!

איך וויל ניט איינשטימען מיט די פּעסימיסטישע אָנשוי-אונגען פון אייניגע פון מיינע פריינד, וועלכע מיינען, אַז די גאַנצע צוקונפט פון דער ציוניסטישער בּעוועגונג הייגגט אָבּ פון דער גע-נאָסענשאַפטס-קאָלאָניע; אָבּער קיינער קען ניט צווייפלען, אַז דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע אַרבּייטען, וואָס דאַרפען געטאָן ווערען, כּדי אַריינצובּלאָזען אַ נייעם לעבּען אין דעם ציוניזם און כּדי די גרויסע אַרבּייט, וואָס דער ציוניזם האָט אויפגענומען, זאָל האָבּען ערפאָלג. און נאָכמעהר, עס איז קיין ספק ניט, אַז די פּאַלעסטי-נישע בּעפעלקערונג, הויפּטזעכליך די פּאַלעסטינישע אַרבּייטער-שאַפט, וועט עס דורכאויס ניט פערשטעהן, ווען די גאַנצע אַר-בּייט וועט זיך אָבּשטעלען נור צוליעבּ דעם, וואָס די אָפּפּערוויליג-קייט פון פאָלק אין חוץ לארץ איז צו-קליין.

און דעריבער פֿאָדער איך נאך אַמאָל און נאָך אַמאָל מיט דעם גאַנצען ערנסט און דער גאַנצער קראַפֿט, וואָס איך פֿערמאָג, די אַקטיווע הילף, וואָס מען האָט מבטיח געווען און וואָס מען מוז אַרויסבעווייזען, אויב די. וועלכע האָבען עס פֿערשפּראָכען, זוכען אין ציוניזם מעהר ווי די בעפֿרידיגונג פֿון פֿילאַנטראָפּישע חלומות אדער פּערזענליכען כבוד!

דעריבער האָב איך ווידער געבראַכט אַזוי אויספֿיהרליך פֿאַר דער אידישער עפֿענטליכקייט די יסודות פֿון דעם פּלאַן, זאָל די עפֿענטליכקייט אויספּרובירען און אורטהיילען! אויב דער פּלאַן איז ניט געבויט אויף סאָלידע וויסענשאַפֿטליך-עקאָנאָמישע רעכ-נונגען און אויף דער קענטנים פֿון דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער מענשהייט בכלל און פֿון דעם אידישען אַרבייטען בפרט, פֿערדינט ער ניט פֿערווירקליכט צו ווערען. אויב אָבער ער איז געבויט אויף זיכערע יסודות, דאַן קאָן דאָס ג אַ נ צ ע אידישע פֿאָלק פֿאָדערן, אַז די א י י נ צ ע ל נ ע אידען זאָלען ערפֿילען זייער חוב. מיר פֿערלאַנגען ניט נדבות, נאָר מיר פֿאָדערען קרעדיט פֿאַר אַנ'אונטערנעהמונג, וואָס האָט סאָלידע גאַראַנטיעס אום צו בעקומען קרעדיט. איך בין זיכער, אַז די סומען, וועלכע מען וועט אונז געבען, וועלען מיר גיך און מיט פּראָצענט אומקעהרען צוריק. און דעריבער ווידערהאָל איך נאָך אַמאָל, וואָס איך האָב געזאָגט אויף דעם האַמבורגער קאָנגרעס: מיר פֿייפֿען אויף יענעם ציוניזם, וואָס בענוצט זיך מיט הויכע פֿראַזען, וואָס פֿערמעסט זיך צו אָפּפֿערן דאָס לעבען און פֿערמעגען פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון פֿאָלק, אָבער וואָס פּרובירט אַפֿילו ניט עפֿענען די בייטעל, ווען מען פֿאָדערט פֿון איהם געלד, אַפּשיטא שוין דאָס לעבען.

מען שרייבט מיר פֿון אַלע זייטען, אַז איך בין אַ שלעכטער שנאָרער. אפֿשר! איך וויל אָבער קיין שנאָרער ניט זיין. איך וויל לייגען אויפֿ'ן וואָגשאָל מיין בכבוד'יגען וויסענשאַפֿטליכען נאָמען און מיין פֿרייע ניט-בעצאָהלטע אַרבייט,—לעגט איהר אַייערע פֿראַנקען און מאַרקען אויפֿ'ן אַנדערען וואָגשאָל...

פערלאג „ציוניסטישע קאפיקע־ביבליאטעק".

1 מ. ל. ליליענבלום. ראשון לציון. פרייז 1 קאפ. 15,000 עקז.
2 ס. אוסישקין. דער ערפאלג פון דער יודישער קאלאניזאציע איי ארץ־ישראל פרייז 2 קאפ. 30.000 עקז.
3 ד"ר י. ספיר אנ'איבערבליק איבער'ן אכטען קאנגרעס פרייז 1 קאפ.
4 וו. זשאבאטינסקי. וואס איז אזוינס דאס באזעלער פראגראם פרייז 1 קאפ' 30.000 עקז. (דריי אויפלאגען).
5 ש. שווארץ. דער שקל. פרייז 1 ק. 35,000 עקז. (דריי אויפלאגען).
6 יעקב ראבינאוויטש. פאר וואס ארץ־ישראל? פרייז 1 קאפ.
7 ד"ר ד. פאסמאניק. די פערווירקליכונג פונ'ם ציוניזם. פרייז 1 ק.
8 מ. ל. ליליענבלום. דער אדעסער פאלעסטינא־קאמיטעט פרייז 1 קאפ. 15.000 עקז. (צוויי אויפלאגען).
9 א. ווארבורג. צי טויג א"י פאר קאלאניזאציע פרייז 1 ק.
10 ד"ר יוסף קלוזנער. משה רבנו. פרייז 1 קאפ 20.000עקז.
11 ליעדער פאר'ן פאלק 13,000 עקז. (צוויי אויפלאגען). פרייז 5 ק׳ (אויספערקט) אויף גוטען פאפיער פרייז 20 ק׳
12 י. ל. בערגער. קרן קימת לישראל. פרייז 2 קאפ 20.000 עקז.
13 משה קליינמאן. אונזער נאציא נאל־שפראך פרייז 2 קאפ.
14 ציוני פשוט. וואס איז אזוינס ארץ־ישראל פרייז 2 קאפ.
15 מ. ל. ליליענבלום. גאולה תתנו לארץ. פרייז 1 קאפ 1000 15 עקז.
16 ד"ר י. ספיר די געשיכטע פון ציוניזם פרייז 2 ק"פ 10,000 עקז.
17 ב. גאלדבערג. די יודישע קאלאניאל־באנק פרייז 10·000.2 עקז.
18 משה קליינמאן. דער גלות פרייז 2 קאפ 10.000 עקז.
19 ב. שפיעלבערג יודישע ארבייטער אין א"י פרייז 2 ק.
20 גר. בראדאווסקי די געשיכטע פון א"י פרייז 3 ק.
21 ש. שווארץ די ציוניסטישע ארגאניזאציע פרייז 1 ק.
22 פראפ שץ. בצלאל, פרייז 5 ק. 10.000 עקז.
23 מ. ויידמאן די העברעאישע קאנפערענץ. פרייז 2 ק.
42 י. ספיר. דער נײנטער ציוניסטס־קאנגרעס. פרייז 2 ק.
52 משה קליינמאן. רבי משה־ליב ליליענבלום פרייז 2 קאפ.
62 מ. שאליט. די בילו'צעס פרייז 1 קאפ 10.000 עקז.

אויף נאכנאהמע שיקען מיר ניט ווינציגער ווי אויף א רובל.
קיין אויסלאנד שיקען מיר ביכער נאר במזומנים

מיט בעשטעלונגען, וועגען געלד און רעדאקציאנס־ענינים ווענדען זיך

Одесса, Д-ру I. Сапиру. D-r I. Sapir Odessa.

Принимается подписка

на Общественно-Политическую и Литературную Еженедѣльную газету

„РАЗСВѢТЪ"

посвященную еврейскимъ интересамъ, выходящую при ближайшемъ участіи: **А. Д. Идельсона, В. Е. Жаботинскаго, Б. А. Гольдберга, Д. С. Пасманика, Ю. Д. Вруцкуса, А. О. Зайденмана, А. М. Гольдштейна и О. К. Гепштейна.**

„Разсвѣтъ"—будетъ попрежнему стоятъ на стражѣ основныхъ принциповъ стоей црограммы, будетъ попрежнему бороться за самодѣятель вость и возрожденіе еврейскаго народа, будетъ попрежнэму давать полную картину жизни современнаго еврейства разныхъ странъ міра во всѣхъ ея проявленіяхъ. Откликаясь на всѣ вопросы, волнующіе еврейскую мысль и чувство, „Разсвѣтъ" будетъ знакомить своихъ читателей со всѣми событіями еврейской жизни Россіи, всѣхъ крупныхъ центровъ заграницы ивозрождающейся Палестины, Ободренные успѣхомъ прошлыхъ лѣтъ мы надѣемся попрежнему находить живой откликъ у всѣхъ тѣхъ, кому дорого еврейство, кто чувствуетъ потребность знакомиться съ еврейской дѣйсвительностью, кто интересуется жизнью, чаяніями и надеждамн еврейскаго народа.

ПОДПИСНАЯ ЦѢНА:

въ Россіи: на годъ 5. р., на полгода 2 р. 50 к., на 3 мѣс 1 р. 25 к.; за границ. на годъ 6 р., иа полгода 3 р, на три мѣс. 1 р. 50 к.

Подписка приним. только съ 1 января, 1 апрѣля, 1 іюля и октября.

Адресъ редакціи и конторы:

С-ПЕТЕРБУРГЪ, ТОРГОВАЯ 17.

DIE WELT

Zentralorgan der zionistischen Bewegung
XIV Jahrgang.

א װאָכֿענבלאַט געהט אַרויס אין קעלן
אַם רהיין דײַטשלאַנד

פּרײַז יעהרליך 7 ר. האַלבּיעהרליך 3,50
פֿירטעליעהרליך 1,75 רובּ.

דעם אַבּאָנעמענט נעמען אָן:
אין װילנא י. ל. גאָלדבערג.
אין װאַרשא בּוכֿהאַנדלונג הצפירה נאַלעװקי.
אין לאָדז בוכֿהאַנדלונג פּדגוג פּעטראָקאָװסקאַ 85
אין אָדעס יעקב קאָנסטאַנטינאָװסקי יעקאַטערינינסקי 54.

PALÄSTINA

Monatschrift fûr die Erschliessung Palästinas

די אײנציגע מאָנאַטשריפֿט אין דײַטשער שפּראַך
װאָס איז געװידמעט דער פּאַלעסטינאַ-קענטניס
פּרײַז יעהרליך אויף געװעהנליכֿעם פּאַפּיער 1,50 רובּ.
" " " בּעסערעם " 3 "

דעם אַבּאָנעמענט אויף אַ קלענערע צײַט נעמט מען ניט אָן.
פֿון ערשטען יוני 1910 ערשײַנט אין װיען אונטער דער
רעדאַקציע פֿון ד"ר ערנסט מילער.
אין רוסלאַנד קען מען אויסשרײַבּען בײַ:
Б. А. Гольдбергъ Вильна, Алесандр. бульваръ 18.

פערלאג „קדימה" ווילנא

(סאָלדאַטסקאַיאַ נו' 3)

עס זענען אַרויס פֿון דרוק נײַע אויסגאַבען:

№ 14. Сіонизмъ и Палестина — 48 стр. Цѣна 5 коп. 100 экз. 3 руб. съ пересылкой.

№ 15. ציוניזם און ארץ ישראל פרײַז 5 קאָפּ. 100 עקז. 3 רובעל אָהן פּאָרטאָ

№ 16. Д-р. Францъ Оппенгеймеръ: Моя поѣздка въ Палестину. Цѣна 8 коп. 50 экз. 2 р. 50 к. безъ пересылки.

№ 18. ד"ר פֿראַנץ אָפּענהײמער: מײַן רײַזע אין פּאַלעסטינאַ. פּרײַז 8 קאָפּ. 50 עקז. 2,50 אָהן פּאָרטאָ.

№ 17. Д-ръ Д. Пасманникъ. Странствующій Израиль (Психологія еврейства въ разсѣяніи).

אויף סקלאַד געפֿינען זיך פֿאָלגענדע פֿלוג-בלעטער פֿון דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע אין יודיש און רוסיש און אויך העברעאיש (דאָס צווייטע פֿלוג-בלאַט).

1) וועלכע בעשעפֿטיגונג און פערדינסטען קענען האָבען די יודישע עמיגראַנטען אין א"י.

2) וועגען דעם קאָאָפּעראַטיווען פֿאָנד.

3) וועגען דער פּאַלעסטינער לאַנדווירטשאַפֿט קאָפּ. פּרײַז 100 עקז. 60 קאָפּ. מיט פּאָרטאָ.

העולם

שנה חמשית

1911

המחיר

ברוסיה	לשנה	5 רובל
באמיריקה	„	3 דולר
באנגליה	„	11 שיל.
בארץ ישראל	„	13 פרנק
בגרמניה	„	11 מארק
באוסטריה-אונגריה		13 קראן
ובשאר הארצות		13 פרנק

וכחשבון זה לחצי שנה ולרבע שנה.

מחיר מודעות

בעד כל שורה פטיט מחולקת ארבעתים:—על העמוד הראשון 60 קופ', ועל שאר העמודים 40 ק' בעד שנוי האדריסה 30 ק'

אדריסת המערכת והקונטורה בוילנה:

Редакція „Гаоламъ" Вильна.

Redaction Haolam Wilna. Russland

הפרקים התמידים הבאים ב„העולם":

א) על המצפה [סקירות קצרות על הענינים העומדים על הפרק]. ב) מאמרים בשאלות הזמן. ג) מאמרי מדע. ד) מאמרים ע"ד עניני הציונות. ה) בלטריסטיקה [ספורים, שירים, דרמות ופיליטונים]. ו) מאמרי בקרת וסקירות בעניני ספרות. ז) מתוך התחומים [סקירות על כל הנעשה בערי ישראל ועיירותיו]. ח) בעתונים. ט) מכתבים מכל ארצות הגולה. י) מכתבים מארץ ישראל ומתורקיה. יא) השקפות שבועיות [ברוסיה, בחו"ל, בציונות ובא"י]. יב) רשימות ביבליוגרפיות. יג) בספרות ובאמנות. יד) ידיעות ספרותיות.

ל„העולם" יש קוריספונדנטים קבועים בארץ ישראל, בתורקיה, באנגליה, בגרמניה, בגליציה באונגריה, ברומיניה, בארגנטינה, באמיריקה ועוד.

פרס לחותמי „העולם" לשנת 1911

(הוצאת „מזרח ומערב")

מבחר ספרי ל. נ. טולסטוי בעברית

ששים גליונות דפוס, בפורמט גדול, אשר יחולקו לששה כרכים.

הספורים והמאמרים יתורגמו ע"י: ד. פרישמאן, י. ח. רבניצקי, א. דרויאנוב, וי. ד. ברקוביץ.

אל הספרים יחוברו חמשה מאמרים ע"ד טולסטוי: ביוגרפיה — רבניצקי; טולסטוי האמן — בעל-מחשבות; טולסטוי הפילוסוף — א. מ. ברוכוב; טולסטוי המתודה — א. כרמלי; טולסטוי ויחסו אל היהדות — אחד-העם.

המחיר עם המשלוח 5 רובל

חותמי „העולם" יקבלו את כל ששת הספרים בחצי מחירם,

היינו: ברוסיה 2,50, בגרמניה 6 מארק; באוסטריה-אונגריה $6^1/_2$ כתר, באמיריקה 1 דולר 40 סנט; באנגליה 6 שילינג; בארץ-ישראל, בפרנציה וביתר הארצות 7 פרנק.

Редакція „Гаоламъ" Вильна.

Redaktion „Haolam" Wilno (Russland).